לכאורה, וואס איז די פשט פון דעם? איז דא א הסבר פאר די הלכה? ווייל ס'זעט אויס ווי א כרמלית, ס'זעט אויס ווי א רשות הרבים.

**Speaker 2:** יא, ס'איז שווער צו פארשטיין? אביסל, יא.

**Speaker 1:** איך זע נישט וואס איז שווער צו פארשטיין. ס'איז דא א גרויסע שטח, ס'איז א גראדע אלטע מחיצה. מ'דארף מסביר זיין אז רשות היחיד און רשות הרבים טייטשט נישט, ס'איז קיינמאל נישט ליטעראל אז

רשות היחיד מיינט א רשות פאר איין מענטש און רשות הרבים מיינט א רשות פאר מערערע מענטשן, ווייל אויב יא, דאן איז דאס אויך א רשות היחיד. ס'מיינט אז ס'האט אויך צוטון מיט וויאזוי ס'זעט אויס. רשות היחיד זעט אויס ווי רשות היחיד, און רשות הרבים זעט אויס ווי רשות הרבים. און דער פלאץ זעט אויס ווי רשות הרבים, ווייל א מלחמה איז געמאכט געווארן אין רשות הרבים. ווייל ס'איז אזוי גרויס, ס'זעט נישט אויס ווי א דירה, ס'זעט נישט אויס ווי א פריוואטע פלאץ פון א מענטש, ס'זעט נישט אויס ווי רשות היחיד, און ווייל מ'איז געגאנגען דארט ווי א כרמלית. מ'וואוינט נישט דארט, ס'איז א פלאץ וואו מ'דרייט זיך, און ס'איז ענליך צו רשות הרבים וואס איז א פלאץ וואו מ'דרייט זיך.

**הלכות שבת: דיני כרמלית, רשות היחיד, ושיעור בית סאתים**

**הלכה ב: עמוד שגבוה עשרה ורחב בית סאתים**

## :Speaker 1

די רבנן... רשות היחיד און רשות הרבים מיינט מחיצות, ס'מיינט נישט קיינמאל אנדערש ווי מחיצות. דאס איז מעיקר הדין מדאורייתא. די רבנן זאגן אז אזא גרויסע פלאץ, אונז קוקן עס שוין אן ווי א כרמלית, כאילו.

וכן, די זעלבע זאך איז נישט נאר א מקום פטור, נאר ס'איז א גרויסע פלאטפארמע, עמוד, א פלאטפארמע **שגבוה עשרה ורחב בית סאתים. וואס איז ברייט ביז בית סאתים, מטלטלין בכולו.** ווייל היות וואס ס'איז אן עמוד גבוה עשרה, באקומט עס א דין רשות היחיד, און די דין רשות היחיד גייט ביז בית סאתים. אמרו חכמים, עד רוחב בית סאתים, מטלטלין בו, **יותר מבית סאתים, איז עס נאר ארבע אמות.**

## :Speaker 2

יא, זייער גוט. ווייטער.

**סלע שבים — שטיין אין ים**

## :Speaker 1

**סלע שבים**, ער ברענגט דריי דוגמאות פון די זעלבע זאך. סלע שבים, אין מיטן וואסער איז דא א גרויסע שטיין וואס שטעקט זיך ארויס אזויווי א בארג אין די וואסער.

**הואיל וגבוה פחות מעשרה**, אויב איז עס פחות מעשרה, מטלטלין... די ים איז דאך א כרמלית. איז די סלע שבים, אויב איז עס נישט זייער א גרויסע סלע, איז עס בטל צו די ים, איז עס א כרמלית. **מעג מען טראגן מתוכה לים ומים לתוכה**, ס'איז אלעס כרמלית, ס'איז די זעלבע כרמלית, טאקע מען טאר נישט טראגן מער ווי ד' אמות, אבער אין די ד' אמות מעג מען טראגן פון די סלע צו די ים און אזוי ווייטער.

אבער **הואיל וגבוה עשרה**, אויב ס'איז יא גבוה עשרה, ווערט עס אן עקסטערע שטח פאר זיך. איז אזוי, **אם ארכו ארבעה טפחים עד בית סאתים**, אויב ס'איז אונטער בית סאתים, ווייניגער ווי א בית סאתים, איז באקומט עס א דין רשות היחיד, **והואיל ומותר לטלטל בכולו**, היות ס'איז מותר לטלטל בכולו, ס'באקומט א דין, ס'הייסט נישט ווי כרמלית וואס כרמלית מעג מען נאר טראגן אזוי ווי אין רשות הרבים פחות מד' אמות, ס'באקומט א דין אז מען מעג יא טראגן דערויף, ווייל ס'איז א שטח פאר זיך, ס'ווערט אזוי ווי א רשות היחיד.

און ממילא, ווייל איך האב געזאגט ווי א רשות היחיד און איך האב געזאגט מותר לטלטל בכולו, באקומט עס אויך א חומרא, ווייל ס'קען נישט זיין קיין סתירה מניה וביה, דו קענסט נישט זאגן אז ס'איז אויך א כרמלית און אויך א רשות היחיד. ס'איז א רשות היחיד, מעיקר הדין מדאורייתא איז עס א רשות היחיד, יא, און דער הואיל, ער זאגט אז ער איז מותר לטלטל בכולו. יא, אזוי ווי די נעקסטע הלכה האסטו געזען. ס'באקומט א דין אזוי ווי א רשות היחיד, און אזוי ווי ס'באקומט א דין רשות היחיד לקולא אז מען מעג מטלטל זיין בכולו, באקומט עס אויך די חומרא אז מען טאר נישט טראגן פון כרמלית אהין אדער פון דארטן צו כרמלית, און ממילא מתוכה לים טאר מען נישט טראגן פון די שטיין צו די ים און נישט פון די ים צו די סלע שבים.

**הואיל ויותר מבית סאתים, אפילו שהוא רשות היחיד**, אויב ס'איז גרעסער ווי א בית סאתים, אפילו ס'האט א דין רשות היחיד, אבער **הואיל ואסור לטלטל בו אלא בד' אמות ככרמלית**, מיר האבן גערעדט אז א פלאץ וואס איז גרעסער ווי א בית סאתים באקומט א דין ווי א כרמלית, ממילא וויבאלד ס'באקומט א דין כרמלית לחומרא אז מען מעג נאר טראגן בתוך ד' אמות, איז מען אויך מקיל אז ס'האט אויך די דינים אז די סלע ווערט שוין נישט אזוי ווי א רשות היחיד לעצמה, נאר די סלע באקומט א דין ווי א כרמלית, ממילא **איז מותר לטלטל מתוכה לים ומים לתוכה.**

**קשיא: פארוואס נישטביידע חומרות?**

איי, פרעגט ער פארוואס? פרעגט ער, ס'איז נישט דא א הלכה ביי אונז אנדערע זאך, אלעמאל די קרפף האט ביידע חומרות טאקע. סיי מען טאר נישט טראגן מתוכו, סיי מען טאר נישט טראגן אינעווייניג אין די ד' אמות, רייט? נו וואס איז דאס אנדערש? וואס איז די סלע שבים אנדערש? די גדר סלע שבים איז געהעריג א מקום מוקף מחיצות, ס'איז הויך און גראב און ברייט, נאר ס'איז צו גרויס, און ממילא לאזט מען נישט דערפאר טראגן אינעווייניג. נו פארוואס לאזט מען יא טראגן פון די ים אין צו איר, און פארקערט? פארוואס זאל מען נישט זאגן אז מען זאל מאכן ביידע זייטן לחומרא? אזוי ווי ס'איז בעצם א רשות היחיד, נאר מען איז מחמיר, זאל מען אויך דארפן מאכן ביידע זייטן לחומרא?

**תירוץ: דבר שאינו מצוי לא גזרו ביה**

זאגט ער אז חז"ל האבן נישט געמאכט ביידע זייטן די חומרא, נאר זיי האבן עס יא געלאזט מיט די קולות פון א כרמלית, אז ס'איז אזוי ווי די וואסער ארום, אז ס'הייסט א כרמלית, **מותר לטלטל מתוכה לים, און מן הים לתוכה.** פארוואס? **שהדבר שאינו מצוי**, זיי האבן טאקע גוזר געווען אז מען זאל נישט טראגן פון א כרמלית צו עפעס וואס האט א דין רשות היחיד, אבער דאס, היות ס'איז א דבר שאינו מצוי אז ס'זאל זיך פונקט מאכן אזא סארט שטיין אין די ים, **ולא גזרו רבנן.**

**דיסקוסיע: וואס מיינט "דבר שאינו מצוי"?**

## :Speaker 2

וואס מיינט דאס? וואס הייסט א דבר שאינו מצוי? אויב איז דא איין פלאץ, איז שוין דער פלאץ א דבר מצוי. חכמים זענען נישט גוזר אויף זאכן וואס מאכן זיך נישט. דאס איז די גאנצע איסור פון תלת. אויב איז דא פיר פון זיי אין די ים, איז עס א דבר מצוי, איז דא די פיר פלעצער, איז דא די סלע, די סלע רירט זיך נישט.

## :Speaker 1

ניין, נישט דאס איז דער פשט. דער פשט איז, אזוי ווי דער רשב"א ברענגט, אז א דבר שאינו מצוי אז מען זאל מטלטל זיין פון די שטיין צו די שיף, און פון די שיף צו די שטיין. נישט ווייל ס'איז א דבר שאינו מצוי אז ס'זאל זיך מאכן אזא שטיין. אזא שטיין, דארטן וואו ס'איז דא, ס'איז דא היינט, מען קען מיט סעטעלייט אפמאכן אז ס'איז דא הונדערט טויזנט אזעלכע שטיינער. ס'איז נישט קיין דבר שאינו מצוי די שטיין. ס'איז א דבר שאינו מצוי אז מען זאל מטלטל זיין פון די שיף צו די שטיין, און פון די שטיין צו די שיף.

מצוי מיינט רעלאטיוו צו וויפיל מענטשן ס'זענען דא. נישט מצוי אז אין די וועלט איז דא פינף טויזנט. אויך איז דא אין די וועלט זייער אסאך עלעפאנטן, נאך אלץ יעדע מאל וואס א איד טרעפט אן עלעפאנט מאכט ער א ברכה "משנה הבריות". פארוואס? ווייל אין זיין שטיבל איז נישטא קיין סאך עלעפאנטן. ער זעט זייער שיין די ראיה פון אן עלעפאנט. אבער דאס איז די טייטש פון דבר שאינו מצוי. א דבר שאינו מצוי איז אז א מענטש זאל מטלטל זיין צווישן די סארט רשות היחיד און די סארט כרמלית.

## :Speaker 2

פארוואס? פארוואס? פארוואס איז דא א שטאט וואס מ'ווייסט אז דארטן לעבן די שטאט איז דא דער שטיין? וואס הייסט, פאר די שטאט איז נישט קיין דבר שאינו מצוי, די שטאט ווייסט אז לעבן די שטאט, אויף די ברעג פון לוד, איז דא דער און דער שטיין. וויאזוי ווערט עס א דבר שאינו מצוי?

**Speaker 1:**

די ענטפער פון דבר שאינו מצוי איז אז ס'איז נישט מצוי אז א מענטש זאל טראגן פון די שיף צו די שטיין.

**Speaker 2:**

פארגעס שוין איינמאל, אבער... איך בין נישט מסכים צו דיין תורה פון די עלעפאנט. די עלעפאנט איז די עלעפאנט, און דא רעדט מען פון די שטיין, און ס'איז נישט קיין גרויסע דבר שאינו מצוי. און אזוי זאגט די ראב"ד, אז ס'איז נישט מצוי אז מ'זאל מטלטל זיין פון די שיף צו די יבשה.

**Speaker 1:**

איך האב דיר נישט געוואלט אריינהאקן, איך וויל נאר זאגן פשט אין דבר שאינו מצוי. דו, ער רעדט, די רשב"א וואס דו זעסט, ער רעדט פון א חטאף פראבלעם, פארוואס מאכט ער פארקערט, פארוואס האבן זיי נישט געזאגט, דו פארענטפערסט מיט דיין תורה, פארוואס זאגן זיי נישט פארקערט? אויב ס'איז דבר שאינו מצוי, ס'איז דאך דא די צוויי גזירות, זאלן זיי מאכן פארקערט, זאלן זיי מאכן ס'איז רשות היחיד, און נישט מאכן די נייע גזירה פון כרפס. ס'איז לכאורה א נייע גזירה. פארדעם זאגט ער אז זיי ווילן ענדערש, ווייל דאס איז תמיד, ווייל דאס איז א נארמאלע זאך. דער מאדנער מענטש וואס ער גייט נעמען פון די סלע, דאס האבן זיי מתיר געווען. דאס איז וואס ער קומט זאגן מיט דעם.

די טייטש פון דבר שאינו מצוי איז נישט אז ס'מאכט זיך נישט אין די וועלט. יעדע זאך וואס ס'איז דא אין די וועלט, איז דא צען טויזנט פון דעם. דבר שאינו מצוי, און דו קענסט טרעפן נאך א תורה פון דבר שאינו מצוי לא גזרו רבנן. פארדעם זאג איך דאס, ווייל ס'איז א כלל, דאס איז א כלל, דבר שאינו מצוי לא גזרו ביה. ווייל ס'מאכט סענס.

פארוואס מאכן די חכמים... איך וויל נאר וויסן, פארוואס דבר שאינו מצוי איז נישט דא קיין גזירה? וואס איז שלעכט אויב ס'איז נישט מצוי? א גזירה פון די רבנן, פשט, די חכמים זעען אז יעדע שבת מענטשן טוען דאס, צוביסלעך ווערט עפעס א פרצה, מיינט מען שוין אז מ'מעג טראגן אין רשות היחיד, רשות הרבים, רייט? דאס איז די טייטש. אבער א זאך וואס מאכט זיך, ס'איז נישט קיין טאג-טעגליכע זאך, מ'דארף פארן אין א ים אויף א שיף און קעמפן, און איך ווייס נישט וואס. דעמאלטס איז נישט דא קיין גזירות.

יעצט דו דו אנדערע שאלה: וועלכע גזירות זאל מען אוועקנעמען? ווייל דאס איז א כולא אים געמאכט זאל נישט זיין דעיס סתירה. דו זעסט, די חכמים האבן געפילט... האבן געפילט weird מיט דעיס, האבן זיי געמאכט דא א פלאץ וואס האט חומר'דיג רשות היחיד און נישט קל'ע רשות היחיד. ס'איז funny, אז אויף דעם אופן האבן זיי טאקע געמאכט coherent. עס האט טאקע דעם קולא און נישט דעם חומרא.

**Speaker 2:**

לאו דווקא, ווייל מיר זעט אויס אז דער עמוד שגבוה עשרה ורוחב ארבעה על ארבעה איז אויך דא דבוק שאני אומר. דו האסט אמאל געזען א פאול וואס אויף דעם בויעט מען א ריזיגע סטראקטשער פונעם בית סאתים?

**Speaker 1:**

עמוד מיינט נישט א פאול. עמוד מיינט נאר צו זאגן, אז פונקט אזוי ווי זיי האבן געלערנט ביי יעדע זאך, דער אמת ער קען אפילו זיין ביי א חריץ אויכעט. מיינט דאך צו זאגן, אז ס'איז דא צוויי וועגן ווי אזוי עס קען זיין ווערן א רשות היחיד, אדער דורך א מחיצה, אדער דורך אן עמוד. אמת, עס איז דא דריטע וועג, עס קען נאך זיין א לוח. עס איז בעצם דריי וועגן פון לעבן א מחיצה, אבער אונז רופן עס אלעדריי, און יעדע הלכה האט ער גערעכנט דעי צוויי אדער דריי וועגן ווי עס קען ווערן רשות היחיד. קען זיין מ'שלעפט א גאנצע אינזל, ווייל ס'איז א גאנצע... עמוד מעג מען נישט מיינען א פאול.

**Speaker 2:**

זאגסט, ס'שטייט די ווארט עמוד, אבער עס מיינט נישט א פאול.

**Speaker 1:**

אבער עס איז דאך נישט קיין פאול, עס איז עפעס א העכערע שטח.

**Speaker 2:**

שוין.

**הלכה ג: כמה הוי בית סאה?**

**Speaker 1:**

**כמה הוי בית סאה?** מ'האט געשמועסט אז די שיעור איז ביז בית סאתים. וויפיל איז א סאה? **סאה איז חמישים אמה על חמישים אמה**, עס קומט אויס אז **בית סאתים במקום שיש בו שבירה**, אין די... סקווער, יא? טאקע די גאנצע זאך, ס'טייטש ווען דו רעכנסט אלעס צאמען, ס'טייטש אפילו אויב עס איז נישט קיין box, נישט קיין גראדע box, אבער אויב קענסטו מאכן פונעם א שטח פון חמשת אלפים אמה...

**Speaker 2:**

וואס טייטש בשבירה, אין זיין תשבורת?

**Speaker 1:**

תשבורת איז, עס קומט פון דעם ווארט תשבורת?

**Speaker 2:**

יא, לכאורה, זיין צעבראכענקייט.

**Speaker 1:**

לאמיר... לאמיר... ס'טייטש אפילו אויב עס איז נישט א גראדע שטיין, אויב עס איז א שטיין וואס שטעקט זיך אויף... whatever shape עס איז, אויב קענסטו ארויסקראצן דערפון חמשת אלפים אמה... עס איז זייער פשוט, 50 אמה על 50 אמה איז א בית סאה, עס איז 100 אויף 50, 100 מאל 50 איז 5,000, יא? ס'קומט אויס 5,000 סקווער פיס. ממילא, **כל מקום שיש בו**, ס'איז באקומען מיט אזוי, איבערהויפט ווי עס איז דא דעי שיעור בית סאתים, 5,000 אמה... **בית סאה אם מרובה, שיבעים אמה ושיריים...**

**Speaker 2:**

ווי אזוי וואלט אויסגעקומען מרובה? און מיר וואלט אויסגעקומען אז ס'זאל זיין שבעים ושבעים אמה על שבעים ושבעים אמה, אויב ס'איז באקסד.

**Speaker 1:**

די גמרא שרייט "יעגול", בשעת רצירה, דאס טייטש בשבירה. וואטעווער די שעפס איז, ערגעץ וואו שטעקט זיך ארויס פון א גראבע שטח. וועלכע איז די יענע שטח? **הרי זה נקרא בית סאה.**

**Speaker 2:**

אה, אפשר שבירה טייטשט אויף ענגליש איז דאס.

**הלכות מקום שלא הוקף לדירה — שיעור בית סאתים וצורת המרובע**

**הלכה ג: שיעור בית סאתים במרובע — שבעים ושיריים אמה על שבעים ושיריים אמה**

וויאזוי וועט אויסקומען מרובע? מרובע וועט אויסקומען אז ס'זאל זיין שבעים ושיריים אמה על שבעים ושיריים אמה. דאס איז די באקס. די בית סאה איז אבער נישט אן ארבע צורות, ס'איז דאך די שטח, די שטח פון א גרויסע שטח, וועלכע ס'איז די יענע שטח, ער איז דען נקרא בית סאתים.

אה, עפעס שטח איז די טייטש אויף ענגליש איז "area". ס'איז נישט די היקף, די "circumference", נאר די "area". רייט. די שבעים ושיריים איז א פראבלעם, ווייל ס'איז זייער שווער, ס'איז דא, יעדער איינער ווייסט אז ס'איז נישטא קיין "rational" וועג פון מאכן גרעסער א "square". סאו, ס'איז נישטא אז יא, וואס איז צוויי מאל פופציג אמה אויף פופציג אמה? הונדערט אויף פופציג איז א "rectangle". אבער וויאזוי מאכט מען פון דעם א "square"? ס'איז נישטא קיין "formula", קיין גרינגע וועג צו מאכן. די רמב"ם זאגט זיבעציג און שיריים. פארשטייסט וואס איך זאג?

וויאזוי מאכט מען? ס'דארף זיין נישט צוויי מאל גרעסער, ווייל צוויי מאל וועט שוין זיין פיר מאל. ס'איז קלענער געמאכט פון איין זייט און גרעסער געמאכט פון די אנדערע זייט.

רייט, וויאזוי אויסגערעכנט. צו מאכן יעדע זייטן גרעסער אז ס'זאל בלייבן א "square", אבער ס'איז זייער שווער צו טרעפן די "size" עכט. אקעי, עניוועיס, דאס איז "geometry", "math".

**הלכה ד: ארכו כשנים ברחבו – כחצר המשכן**

זאגט די רמב"ם ווייטער, **"מקום שלא הוקף לדירה", א מקום וואס האט די מחיצות, אבער די מחיצות זענען נישט לדירה, "שיש בו בית סאתים"**, וואס מ'האט געשמועסט אז דעמאלטס ווערט עס אויס רשות היחיד, ס'ווערט, חכמים מאכן עס ווי א כרמלית, **"אם היה ארכו כשנים ברחבו"**, דאס איז, די הלכה איז אזוי, בית סאתים מאכט עס אויס רשות היחיד, אבער ס'איז דא איין דעם א תנאי, אז **"אם היה ארכו כשנים ברחבו"**, אויב די לענג איז דאפלט אזוי גרויס ווי די ברייט, פונקטליך, ס'קומט אויס אז ס'איז מאה על חמישים, ס'איז די שיעור ווערט יעצט אזוי ווי א שיעור מאה על שיעור חמישים, הונדערט אויף פופציג, **"כחצר המשכן"**, די "size" איז אזוי ווי די שיעור המשכן וואס איז אויך געווען מאה על חמישים, **"מותר לטלטל בכולו"**. מעג מען יא מטלטל זיין אין די גאנצע, דעמאלטס איז נישטא די דין אז ס'ווערט אויס רשות היחיד, ס'בלייבט נאך אלץ א רשות היחיד.

**דיסקוסיע: וואס איז די סיבה? ס'האט צו טון וועגן די משכן?**

**Speaker 1:** וואס איז די סיבה? ס'האט צו טון וועגן די משכן?

**Speaker 2:** איך גיי דיר אנהייבן אויספירן, קום די נעקסטע, אקעי, יא.

**אם היה ארכה יתר על שתים ברחבה**

**אבל אם היה ארכה יתר על שתים ברחבה**, אבער אויב ס'איז נישט עגזעקט אז די אורך איז צוויי מאל ווי די רוחב, נאר די אורך איז מער ווי צוויי מאל ווי די רוחב, אפילו א משהו, אפילו נאר איין אמה וואס די אורך איז גרעסער ווי די רוחב, **אין מטלטלין בו אלא בארבע אמות**, דעמאלטס באקומט עס אויך א דין, אזוויי מיר האבן פריער געלערנט, אז ס'ווערט א כרמלית, און מ'מעג נאר טראגן אין די ד' אמות.

**ביאור הטעם: שלא עשו בית סאתים אלא מחצר המשכן**

זאגט ער, פארוואס טאקע? וואס איז די ענין אז אויב עס ארכה כשנים ברחבה, אויב איז עס כשיעור חצר המשכן, דעמאלטס איז עס יא א רשות היחיד? **שלא עשו בית סאתים שתשמישו לאויר כשאר חצרות אלא מחצר המשכן**. די דין וואס די חכמים האבן געמאכט אז איינמאל ס'ווערט א בית סאתים און ס'איז נישט הוקבע לדירה, נאר ס'איז הוקבע לאויר, באקומט עס א דין כרמלית, האבן זיי נישט געמאכט.

**דיסקוסיע: דער יסוד פון די הלכה – די משכן אלס מקור**

ס'איז ווידער פארקערט, כ'האב געזאגט אז מ'מעג ביז בית סאתים, ביז בית סאתים מעג מען, פארוואס? ווייל די משכן איז געווען אזוויי א בית סאתים, דעמאלטס מעג מען. און ס'ווייזט אויס אז מ'האט ארויסגעלערנט לכאורה דאס דערפון, ווייל מיר לערנען דאך ארויס אלע הלכות הוצאה פון טראגן די כלים פון משכן צו די משכן, און מ'רעכנט אונז זיך א גאנצע צייט ווי מ'טראגט ארויס למשל די כלים פון די משכן, וואס איז א רשות היחיד, צו די מדבר אינדרויסן, וואס איז א רשות הרבים. האסטו דאך א קלארע ראיה אויפ'ן פלאץ אז א פלאץ וואס איז נישט הוקבע לדירה, ס'איז הוקבע לתשמיש... אה, די משכן איז נישט הוקבע לדירה?

**Speaker 1:** דאס האבן מיר געזאגט, דו קענסט זאגן "ושכנתי בתוכם", "ושכנתי בתוכם" מאכט עס פאר הוקבע לדירה, ניין? איך ווייס נישט אויב דאס איז... איך בין נישט זיכער אויב דאס איז די ראיה. אקעי, ס'איז חכמים דרבנן. ס'איז אמת, אבער ס'גייט פארקערט. בעצם, די חכמים האבן מתיר געווען די סייז, ביז בית סאתים מעג מען, אזוויי ביי די משכן האט מען געמעגט, אזוי דא מעג מען אויך.

**Speaker 2:** מ'האט געמעגט לגבי אונז, ס'איז געווען א רשות היחיד.

**Speaker 1:** די משכן איז דאך מער ווי בית סאתים.

**Speaker 2:** ניין, די חצר המשכן איז געווען פונקטליך בית סאתים.

**Speaker 1:** ביז בית סאתים הייסט נאך א רמלה חצר וואס איז יא הוקף לדירה, דאס הייסט אפילו ס'איז נישט הוקף לדירה, הייסט עס געגנוג קליין, מעג מען. ס'שטימט, אבער וואס ס'שטייט דא... ניין, ס'איז חמור. מילא חמישים כחצר המשכן מעג מען. אויב ס'איז אביסל לענגער ווי... סאו די הלכה וואס איך האב געזאגט אז גרעסער ווי בית סאתים ווערט אסור, איז נאר ווען ס'זעט אויס ווי דער משכן. ס'איז ממש נישט נוגע פאר איין זאך, פאר די עקזועקט שיעור. ס'שטייט שוין אפילו מער ווי דעם גייט מיך שוין נישט אן אז ס'איז ארכו שנים ברחבו. נאכאמאל, ס'גייט אויף די היתר, כביכול די היתר. דאס וואס מ'מעג ווען ס'איז בית סאתים, דאס איז נאר ווען ס'איז רעקטענגל. אויב ס'איז אפילו וויניגער ווי בית סאתים, אבער ס'איז לענגער ווי הונדערט אמה, רייט? אה, אדער ארכו יתר על שנים ברחבו, אפילו ס'איז וויניגער ווי בית סאתים, מעג מען נאך אלץ נישט טראגן. ס'איז א נייע הלכה.

**חידוש: צוויי תנאים פאר היתר טלטול**

מיט אנדערע ווערטער, לאמיך זאגן וויאזוי איך פארשטיי. מ'דארף צולייגן צו די פריערדיגע הלכה נאך א כלל. מיר האבן געלערנט אז מער ווי שטח פון פינף טויזנט אמה סקווער טאר מען נישט טראגן, נאמבער וואן, נישט קיין חילוק וועלכע שעיפ ס'איז. מער. נאך א הלכה איז, עני שטח, אפילו א קליינע שטח, אויב ס'איז מער לענגער מער ווי צוויי מאל די ברייט, טאר מען אויך נישט טראגן. און דאס לערנט מען פון די חצר המשכן, ווייל די חצר המשכן איז געווען פונקטליך צוויי מאל אזוי לאנג ווי ס'איז ברייט, איז דאס איז נאך א שיעור פון א חצר, אבער עניטינג וואס איז לענגער ווי ס'איז ברייט מער ווי צוויי מאל, טאר מען נישט טראגן, אפילו ס'איז קלענער ווי בית סאתים, ולא הוקף לדירה.

**דיסקוסיע: ביז וויפיל קלענער גילט דער תנאי?**

**Speaker 2:** אפילו ס'איז בית סאתים. אפילו ס'איז קלענער ווי בית סאתים. ביז וויפיל קלענער?

**Speaker 1:** אפילו ס'איז קלענער. ביז וויפיל קלענער? ער זאגט ווען ס'איז א בית סאתים. ולא הוקף לדירה.

**Speaker 2:** מ'איז נישט מסכים. יעדע פלאץ וואס איז ולא הוקף לדירה... ניין.

**Speaker 1:** ער זאגט דא דאס אז א בית סאתים איז מותר, און נאר העכער פון בית סאתים ווערט עס ווי א כרמלית, איז נאר ווען ס'איז ארכו כשנים ברחבו. אויב ס'איז נישט די שיעור, דעמאלטס אפילו א בית סאתים באקומט ער דעם דין ווי גרעסער ווי א בית סאתים.

**Speaker 2:** אויב ס'איז נישט וואס?

**Speaker 1:** אויב ס'איז מער ארכו יתר על רחבו. יא, אפילו אויב ס'איז א בית סאתים, ס'איז ביי די שיעור פון בית סאתים, אויב ס'איז קלענער איז דאך סתם היתר. ער זאגט דא אז פונקט בית סאתים איז מותר איז נאר ווען ס'איז די שיעור. ס'איז טאקע אינטערעסאנט, אבער אזוי זעט עס אויס אז ער זאגט דא.

**Speaker 2:** ער זאגט נישט אז א בית סאתים מוז אייביג זיין א געוויסע... ער האט דאך פריער געזאגט אז מ'קען ארויסקראצן בשבירו, ווייל ווען ער זאגט בשבירו האט ער דאך דאס געזאגט. ס'איז נישט קיין חילוק וויאזוי מ'טוט עס, וויאזוי מ'שאצט עס אפ. בעל הגהות האט געזאגט אז ס'איז נישט קיין חילוק וויאזוי מ'טוט עס.

**Speaker 1:** ניין, ס'זעט אויס אז ער לייגט צו אויף די שיעור פון בית סאתים אליין. לכאורה לייגט ער צו א תנאי.

**Speaker 2:** יא, ס'איז דא וואס זאגן אזוי ווי דו זאגסט, אזוי ווי יעדע הלכה, ס'האלט זיך נישט אויס ווען מ'קוקט, ווייל מענטשן טראכטן וואס זיי

זאגן. ס'איז זיכער לכל הדעות הקדומים אז ס'איז דא נאך א תנאי דא, רייט? חוץ פון די בית סאתים איז דא נאך א תנאי. איז דא א שאלה צו די תנאי איז נאר ווען ס'איז פונקטליך בית סאתים, אדער אפשר אפילו וויניגער. ער ברענגט פון די שער הציון אזוי ווי דו זאגסט, אז ס'איז נאר ווען ס'איז עקזעקטלי בית סאתים. אזוי ברענגט ר' אברהם דומב. אזוי זעט אויס אז אויף דעם האט ער געזאגט אז **"מקום שיש בו שבירו, וכל מקום שיש בו כמידה הזאת"**, ס'הייסט, בין שערה מרובה בין שערה מועטת.

**Speaker 1:** איך פארשטיי. **על זה נקרא בית סאתים.** נאר אין די איין צורה וואס איז ארכו יתר על רחבו, וואס איז שווער צו זאגן.

**Speaker 2:** איך בין מסכים אז באופן כללי... ניין, און ער זאגט אויך נישט ביז ווי, ביז וועלכע סייז. יעדע מאל ווען ס'איז ארכו יתר על רחבו קען עס נישט זיין קיין רשות היחיד, ס'קען נישט זיין. אויב ס'איז לא הוקף לדירה קען אויך נישט זיין. יעדע מאל ווען ס'איז נישט הוקף לדירה איז נאר מותר באופן אז ס'איז נישט ארכו... ניין. נאר ס'איז דא א היסטאגוס אין די בית סאתים, אין די עקזעקט שיעור פון בית סאתים איז... יא, איך ווייס נישט, ס'קען נישט זיין אז ס'קען זיין.

**הלכה ה: פרץ וגדר לשם דירה — וויאזוי מאכט מען א מקום שלא הוקף לדירה צו הוקף לדירה**

ער זאגט ווייטער, **"מקום שהוקף שלא לשם דירה"**. נאך א הלכה מיט די מקום וואס איז מוקף מחיצות אבער שלא לשם דירה איז אזוי: **"אם פרץ בו פרצה יתר על עשר אמות בגובה עשרה טפחים"**, אויב איז דא דערין א גרויסע פרצה אין די... זיין שאלה איז וויאזוי מ'מאכט פון א מקום שלא הוקף לדירה אונז צו א מקום של דירה, וויפיל דארף מען איבערבויען כאילו, רייט?

**דער היתר: פרצה וגדר לשם דירה**

ער זאגט גאר א היתר, א מקום שהוקף שלא לשם דירה, וואס נארמאל וואלט די הלכה געדארפט זיין אז ס'איז אזוויי א כרמלית, זאגט ער, אז אפילו די גאנצע מחיצות זענען נישט געלייגט געווארן לשם דירה, אבער אויב האט מען געפיקסט די לעצטע ביסל האט מען יא געמאכט לשם דירה, ס'הייסט מ'האט געמאכט א פרצה, און מיט דעם האט מען צעבראכן די אלטע, די פרצה צעברעכט די אלטע מחיצות, און מ'האט צוריקגעבויט, **וגדר בה לשם דירה**, האט מען צוריקגעבויט, יעצט אז מ'האט געמאכט די גדר איז אזוויי מ'האט צוריק אויפגעשטעלט מחיצות, הייסט עס ווי מ'האט געמאכט די מחיצות יא לשם דירה, **איז מותר לטלטל בכולה.** דאס איז אן עצה.

**חידוש: אפילו צוביסלעך — אמה אויף א��אל**

זאגט ער, **אפילו פרץ אמה וגדרה לשם דירה**, קודם וואס דא שטייט איז אז ער מאכט א געהעריגע פרצה פון עשר אמות בגובה עשרה טפחים, וואס דאס איז שוין מבטל די אלטע מחיצות, ממילא יעצט ווען ער מאכט די נייע מחיצות הייסט עס הוקף לדירה. ווען ער מאכט צו די טיר כאילו, ער פיקסט די פרצה.

זאגט דער רמב"ם, די שיעור פון יתר על עשר אמות איז לאו דוקא אז ער מאכט אויף איינמאל א פרצה פון יתר על עשר אמות, נאר אפילו ער האט געמאכט קלענערע פרצות אין די גדר, אבער צוזאמען זענען זיי געווען צען אמות, און ער האט צוריקגעבויט, אפילו ער האט צוריקגעבויט צוביסלעך, אבער למעשה האט ער געבויט די וואנט לשם דירה, וואס ווען ער וואלט עס ווען נישט געפיקסט וואלטן ווען געווארן בטלין מחיצות, ממילא הייסט עס ווי ס'איז געבויט לשם דירה און ס'איז מותר. **אפילו פרץ אמה וגדרה לשם דירה, און נאכדעם פרץ די נעקסטע אמה וגדרה לשם דירה, עד שהשלימה ליותר מעשר**, אז אלעס צוזאמען האט ער יעצט אראפגענומען פון די אלטע וואנט צען אמות און אויפגעבויט צען אמות, אפילו ס'איז איין אמה אויף אמאל, **מותר לטלטל בכולה.**

**ביאור החידוש: מ'קוקט אויף דעם קומולאטיוון רעזולטאט**

די חידוש דא איז אז מ'זאגט נישט אז יעדע אמה ווערט בטל פאר זיך, יעדע אמה איז דאך נישט קיין גאנצע פרצה. מ'קוקט יא, צווישן אלע, ער זאגט יא, צווישן אלע פרצות וואס ער האט געמאכט האט ער געמאכט א פרצה פון צען אמות, און ס'ווערט עס כאילו הוקף לדירה, **מותר לטלטל בכולה אע"פ שיש בה כמה מילין.** עס איז אפילו א ריזיגן פלאץ, אבער ער האט געפיקסט צען, ווייל דער דין הקבוע איז יעצט געווארן, ווייל פאר דעם האט עס געהייסן נישט מקובע, בעיקר לכאורה לדירה.

**דין מקום שהוקף שלא לדירה — תיקון דורך פרצה, זריעה, נטיעה, מים, קירוי, ונפרץ לחצר**

**תיקון מקום שהוקף שלא לדירה דורך פרצה פון צען אמות**

**Speaker 1:**

מ'קוקט יא אז צווישן אלע, מ'זאגט יא אז צווישן אלע פרצות וואס ער האט געמאכט, האט ער געמאכט א פרצה פון צען אמות, און ווערט עס א מוקף לדירה, **בטל לגבי קולא אפילו יש בו כמה מילין.** דאס הייסט, אפילו א ריזיגן פלאץ, אבער ער האט געפיקסט צען, ווייל די דין הקף איז יעצט געווארן, ווייל פארדעם האט עס געהייסן נישט מוקף בעיקר לחומרא געווענליך, ווייל יעצט קען מען נישט טראגן דערין ווייל די רייסע וואס ווערט אויסגעשריבן, און ממילא ווערט אויך די פראבלעם, און ער מעג יעצט טראגן דערין. דאס איז א סאלושן. דער גמרא וואס איז זאגן אז מ'האט פארשפעטיגט די באר, ווייל ווען מ'האט עס געמאכט האט מען עס נישט געמאכט לשם דירה. ס'איז אייביג דא א וועג עס צו מאכן יעצט לשם דירה דורך די טריק.

**דין מקום יותר מבית סאתים שהוקף לדירה — נזרע רובו אדער מיעוטו**

**Speaker 1:**

יעצט גייען מיר זען אזוי. **מקום יותר מבית סאתים שלא הוקף לדירה.** ביז יעצט האבן מיר גערעדט בשלא לשם דירה. וואס טוט זיך ווען א מענטש האט יא געמאכט לדירה? ער האט געטראכט, "איך וויל מאכן א פלאץ אז מ'זאל קענען דארטן וואוינען." אבער אין די פלאץ האט ער אויך געמאכט א חלק וואס זאל זיין א פעלד. ווערט איז די שאלה, ביי וועלכע פוינט איז די פעלד מבטל די מקום וואס איז הוקף לדירה? ווייל א פעלד, האבן מיר דאך געשמועסט, האט א דין ווי א כרמלית.

סאו, איז אזוי, **מקום יותר מבית סאתים שלא הוקף לדירה.** א פעלד איז נישט קיין דירה, דאס איז די פוינט. ס'האט א דין ווי א כרמלית אויב ס'איז לא הוקף לדירה. אפילו, אפילו בית סאתים, יא, וואס איז דען די ענין פון אויסרעכענען גאנץ בית סאתים? מ'האט דאך געזאגט אז דא איז דאך די חידוש אז ס'איז אפילו ס'איז מוקף מחיצות. אבער ווען ס'איז דא א פלאץ וואס איז נאר א פעלד, הייסט עס נישט הוקף לדירה, דאס איז זיכער. די שאלה איז נאר וויאזוי דאס ווערט אויס הוקף לדירה, ביי וועלכע סטעידזש, ווי מ'האט געזאגט.

איז, **אם נזרע רובו**, אויב רוב פון די פלאץ איז געווארן אנגעזייט, גייט מען נאך די רוב, קוקט מען אן די גאנצע פלאץ ווי א גינה, קוקט מען אן די גאנצע פלאץ ווי א פעלד, און ס'העלפט נישט זיין מחיצות, און מ'קוקט נישט אן ווי די גאנצע פלאץ איז א דירה, וואס איז לדירה. **בטל לגבי קולא**, אפילו לאמיר זאגן די פארט פון די שטח וואס ער נוצט יא פאר דירה, אבער הואיל און ס'איז ארומגענומען מיט די זעלבע ווענט, ווערט עס בטל, ווערט אויך די פלאץ וואס ער נוצט לדירה ווערט אויך בטל.

וואס איז דאס? **אסור לטלטל בכולו.**

מ'טאר נישט מטלטל זיין אין די גאנצע שטח, אפילו אין די חלק וואס איז לדירה.

יא, די גאנצע איז לדירה. אפילו אין די פלאץ איז עס כולי געבליבן, ער וואוינט נאך דארט כולי. לאמיר זאגן ער ברענגט נישט... ער וואוינט דארט נישט ממש.

**נזרע מיעוטו**, אויב האט ער נאר א מיעוט פון די שטח געווארן אנגעזייט, איז אזוי: ווענדט זיך, **אם נזרע ממנו בית הסאה**, אויב די שטח וואס איז געווארן אנגעפלאנצט איז א בית הסאה, **מותר לטלטל בכולו**, מעג מען

טלטל'ן אין די גאנצע פלאץ. נאר א בית הסאה, דאס הייסט ביז בית הסאה. אה, ביז בית הסאה, זייער גוט. נאר ס'הייסט אזוי, א מיעוט, און אין די פעלד איז קלענער ווי א בית הסאה, איז ווערט אויך די בית הסאה ווערט בטל צו די פלאץ וואס איז נישט א פעלד, וואס איז די דירה.

אבער **אם היה המקום הזרוע יתר מבית סאה**, אפילו ס'איז א מיעוט, איז עס אבער צו א גרויסע מיעוט, ווייל ס'איז צו א חשוב'ע פעלד. בית סאה איז שוין א חשוב'ע פעלד. אזא חשוב'ע פעלד זאגט מען נישט אז ס'ווערט בטל למקום הדירה. **אסור לטלטל בו בכולו.** יא, ווייל די גאנצע זאך וואס איז גרויס בית סאה איז מבטל, אפילו א רוב וואס איז גרעסער פון אים.

**דיסקוסיע: פארוואס איז בית סאה מבטל אפילו א רוב?**

## Speaker 2:

רוב וואס איז מבטל די גאנצע זאך, אדער איין שטיקל וואס איז מער ווי בית סאה, דאס איז א גרויסע רוב, מ'איז מבטל די מיעוט און מ'איז מבטל די רוב. פארוואס? וואס איז די ענין אז אויב ס'איז איינגעפלאנצט בית סאה איז מען מבטל די רוב? ווייל ס'איז מער ווי בית סאה. איך ווייס נישט, פונקט אזוי ווי די גאנצע דין דא איז בית סאה. ס'איז טאקע אינטערעסאנט. איך ווייס נישט, איך האב נישט קיין טעם פאר דיר.

## Speaker 1:

אפילו, יא, מ'זעט דאך אז א פעלד וואס איז גרעסער ווי א בית סאה ווערט נישט בטל צו די בית דירה.

## Speaker 2:

רייט, אבער יעצט די גאנצע זאך איז דירה, אזוי זאגט ער דאך, אזוי זאגט ער דאך אז די חלק וואס איז דירה, דאס זאגט ער דאך נישט, ווייל ס'איז אלעס ארום די זעלבע מחיצות. ס'קען זיין אז ער איז מתיר דורך די מחיצות, די פעלד. און מבטל די מחיצות. די מחיצות ארום די פעלד העלפן נישט, עס בלייבט נאך אלץ א כרמלית. ס'איז נישט דא קיין איין הלכה וואס איז נאר א חלק, אלעמאל איז עס אדער די גאנצע איז אזוי אדער אזוי.

**חילוק צווישן נזרע תבואה און נטעים (ביימער)**

## Speaker 1:

אז דאס איז ווען מ'האט געמאכט נזרע, מ'האט געזייט תבואה. אבער אויב מ'האט געזייט נטעים, האבן מיר דאך נישט געלערנט ביי די מלאכה פון זריעה, אדער האבן מיר אויסגערעכנט ס'איז דא זריעה און ס'איז דא נטיעה? זריעה מיינט אייביג תבואה, און נטיעה מיינט אייביג ביימער. אויב האט מען אנגעזייט ביימער רובו, **הרי הוא כחצר**, הייסט עס אזוי ווי א חצר, ס'איז א רשות היחיד, **ומטלטל בכולו.** דאס הייסט, די זרוע ביימער איז נישט מבטל. אבער תבואה איז מבטל, ווייל א שדה איז נישט קיין בית. ביימער איז אבער נישט מבטל א חצר, ס'איז נארמאל אז א מענטש זאל האבן א חצר לדירה און ס'זאל זיין דארטן ביימער.

**דין מים (וואסער) אין דעם מוקף-לדירה שטח**

## Speaker 1:

**ונשמע מינה מים**, וואס טוט זיך אז די שטח איז געווארן דארטן אסאך וואסער, **אפילו עמוקה מאד**, אפילו טיפע וואסער, ס'האט זיך געמאכט דארטן א טיפע לעיק? איז אזוי, **אם היו ראויין לתשמיש**, אויב איז עס א וואסער וואס מ'קען נוצן, אזא וואסער וואו מ'קען ארייַנשפאַצירן, אדער וואסער וואס מ'קען נוצן, **הרי הן כנטעים**, הייסט עס אזוי ווי נטעים, און ס'איז א חלק פון די בית סאתים, פון די רשות היחיד, **ומטלטלין בכולו.** אבער **ואם אינן ראויין**, וואס מיינט אינן ראויין? ס'איז נישט קיין ריינע וואסער, ס'איז נישט א פלאץ וואו מ'קען ארייַנגיין. וויאזוי קען מען נוצן וואסער פאר א דירה? מ'קען וואוינען אין א לעיק? א פול? יא, ער האט א פול אין זיין דירה, אין זיין רשות היחיד. אזוי ווי ביימער, אזוי ווי דו זעסט ביימער איז נארמאל אז א מענטש זאל האבן ביימער פאר שיינקייט, האט ער א וואסער פאר שיינקייט. יא, איך ווייס, נישט קלאר.

**ואם אינן ראויין, אין מטלטלין בו אלא בד' אמות.** וואס ווערט עס דא? אזוי ווי א כרמלית וואס מ'מעג נאר מטלטל זיין מיט ד' אמות. ער זאגט לשיטתיה אדם, נישט קלאר. אבער ס'איז אינטערעסאנט. דאס העלפט נישט, מיר האבן געלערנט פריער, למשל גנות ופרדסים, וואס האט אויך ביימער, העלפט נישט. די גאנצע זאך איז נאר אז ס'איז נישט מבטל א מקום שעיקרו לדירה לכתחילה. אויב ס'איז לכתחילה מוקף צו זיין א לעיק, וועט עס נישט העלפן. רייט. גארנישט וועט העלפן. ס'מיינט איך, אוודאי, ווען ס'איז א גן, ס'איז נישט א הויז א הויז וואס מ'האט ארייַנגעפלאנצט דערין שיינע ביימער. רייט. ס'ווענדט זיך לכתחילה וואס איז מוקף, וואס די תכלית פון די פלאץ איז. זייער גוט.

**דין קירויו מתירו — א דאך איז מתיר דעם שטח**

## Speaker 1:

שוין, זאגט דער רמב"ם אזוי, א נייע הלכה: **"מקום שהוקף שלא לשם דירה"**. אקעי, ביז יעצט איז געווען איין סארט הלכה, יא? פון וויאזוי ווערט א בית סאתים א דין כרמלית. אקעי, **"מקום שהוקף שלא לשם דירה"**, א מקום וואס די מחיצות זענען שלא לשם דירה, **"שיש בו בית שלש סאין"**, ס'איז גרעסער, ס'איז מער ווי בית סאתים, ס'איז דריי סאה, **"וקירו בו בית סאה"**, אבער א דריטל דערפון האט מען געמאכט א דאך. ס'טייטש מ'האט באדעקט איין סאה, און ס'איז געבליבן יעצט אן אפענע פלאץ וואס איז בית סאתים. איז יעצט די שאלה, די בית סאתים האט מען דאך געזאגט אז יותר מבית סאתים מעג מען טראגן. דאס איז די חילוק. די יותר מבית סאתים ווערט בטל צו די פלאץ וואס איז מוקף.

איז יעצט האבן מיר דא א שאלה, ס'טייטש ס'איז בעצם גרעסער ווי א בית סאתים, וואס ס'וואלט ווען געדארפט זיין אזוי ווי א דין א כרמלית, אבער א דריטל דערפון, ס'טייטש די איין סאה וואס מאכט עס מער ווי א בית סאתים, איז ארומגענומען מיט א דאך. איז דא א חידוש דא, א הלכה. זאגט די הלכה אזוי: **"קירויו מתירו"**, די דאך איז מתיר די גאנצע מקום, די גאנצע שטח מעג מען יא טראגן. דאס איז גערופן קרפף, אבער אונז האבן מיר נאכנישט געהאט די ווארט קרפף פון די רמב"ם. די שטח, די מקום מוקף, רעכנט אונז ווייטער ווי די בית סאתים איז מותר, ווייל **"קירויו מתירו"**, די דאך איז עס מתיר. פארוואס? ווייל ס'איז דא א הלכה, איינע פון די הלכות פון מחיצות, אזוי ס'איז דא א הלכה פון לבוד און די סארט זאכן, איז דא א הלכה פון אז אונז קוקן אן אז א פלאץ וואס האט א דאך, **"שפת תקרה יורד וסותם"**, אז די פלאץ וואס האט די דאך קוקן מיר אן ווי ס'האט אויך ווענט. ווי יענע שטח, די דריטל פון די פלאץ, די עקסטרע סאה וואס וואלט ווען געדארפט קוקן אונז אן ווי א שטח לעצמה וואס איז ארומגענומען מיט ווענט. דאס הייסט ווייל ס'איז ארומגענומען מיט א דאך, קוקן אונז אן ווי ס'איז אויך ארומגענומען מיט ווענט. איז וואס בלייבט יעצט אפן וואס איז נישט ארומגענומען מיט... וואס איז עקסטער ארומגענומען מיט די אנדערע ווענט, מיט די אלטע ווענט, די אריגינעלע הקפה, די בית סאתים, ממילא מעג מען יא טראגן, ס'באקומט נישט קיין דין כרמלית.

**דין ונפרץ במילואו לחצר — כרפף וואס עפנט זיך צו א חצר**

## Speaker 1:

שוין. איז אזוי, וואס טוט זיך **ונפרץ במילואו לחצר**? וואס איז ונפרץ? דער מקום שהוקף שלא לשם דירה האט זיך געעפנט צו די חצר. ס'איז לעבן א חצר וואס איז יא הוקף לדירה, און ס'האט זיך געעפנט די טיר צווישן דער מקום שהוקף שלא לשם דירה און די חצר. ונפרץ... לאמיך דיר ברענגען די פיקטשער. **ונפרץ חצר כנגדו**, יא? דו פארשטייסט וואס ער זאגט? ונפרץ חצר כנגדו, דא איז די כרפף און דא איז די חצר. ס'איז געווארן, די חצר'ס וואנט דא האט זיך אוועקגעגאנגען, און אויך די אנדערע זייט איז די חצר'ס וואנט אוועקגעגאנגען. איז זייער אינטערעסאנט. סאו יעצט בלייבט דא א חצר וואס בעצם האט ער קיום מחיצות, ס'האט דאך א גרויסע פרצה. אבער די הלכה איז אזוי, יא? רייט. סאו אונז האבן דא צוויי פראבלעמס. קודם האבן אונז א פראבלעם אז די בית סאתים איז געווארן יעצט גרעסער ווי בית סאתים, איז יעצט די שאלה צו די גאנצע פלאץ ווערט א כרמלית. און

נאכאמאל האבן אונז א שאלה צו אין די חצר שטח גייט מען מעגן טראגן, ווייל די חצר שטח האט זיך אראפגעריסן די וועגט.

זאגן אונז אבער די הלכה אזוי, **די חצר מותרת כשהיתה**, די חצר איז ווייטער מותר, און אונז שרעקן זיך נישט פון דעם אז ס'האט זיך אויפגעריסן צווישן די חצר און די כרפף. ווייל לגבי די חצר, די כרפף איז אויך אט נאר א מחיצה קלה. אהא, די כרפף קען זיין גענוג מחיצה פאר די... ס'איז דאך שוין נישט אפן צו רשות הרבים. ס'איז דאך נאר אפן בסך הכל צו א פלאץ וואס איז נאר א חומרא דרבנן אז מ'זאל עס אנקוקן ווי א כרמלית, ס'איז נישט אמת'דיג אפן צו א כרמלית. ממילא איז די חצר מותר. רייט. **והכרפף אסור כשהיה**, די כרפף איז אבער יא אסור. שיין. **אף על פי שהחצר מתירתו.** מ'זאגט נישט אז די... ווייל מ'קען מאכן אזא חשבון. דו קענסט זאגן אז דאס בית סאתים בלייבט נאר א בית סאתים, און די חצר איז דאך מותר, ווייל ס'איז דאך א חצר, ממילא איז אלעס מותר. זאגן מיר נישט אזוי. נאר מיר זאגן אז די איינע אברא חצר מתיר די פלאץ פון בית סאתים, און היות ס'איז יעצט אפן, האט עס נישט קיין ווענט ארום, קוקן מיר עס אן ווי ס'איז גרעסער ווי בית סאתים. פארוואס וואלט עס געדארפט ווערן מותר? ס'איז לכאורה פשוט.

### הלכות מקום שלא הוקף לדירה — כרפף, בית סאתים, ומיעוט שטח

#### כרפף שנפרץ לחצר — שאין עבר החצר מתירה

**Speaker 1:** אבער למעשה איז עס נישט אינגאנצן ארומגענומען, ס'איז דאך נפרץ, ממילא איז עס אסור. איך וואלט געטראכט אז כאילו די חצר יעצט נוצט כאילו די וואנט פון די כרפף.

**Speaker 2:** וואס וואלסטו געמיינט? אז ער ווערט פארט פון די חצר?

**Speaker 1:** ניין, ער ווערט נישט פארט. לגבי די חצר איז ער כשר, אבער לגבי זיך אליינס... די חצר, ער העלפט די חצר, אבער די חצר העלפט אים נישט. אזוי וואלט איך געטייטשט, אבער איך זע אז...

**Speaker 2:** די סיבה פארוואס די חצר איז מותר איז וועגן די וואנט, אדער וועגן ס'איז נישט קיין כרמלית?

**Speaker 1:** אויב וואלט עס געווען אפן צו א כרמלית, וואלט אפשר די כרמלית געקענט עס פסל'ן. ס'איז דאך אפן צו א פלאץ וואס איז בעצם מן התורה א רשות היחיד, האבן מיר געשמועסט.

**Speaker 2:** ס'הייסט נישט "פורץ", ס'איז אזוי, נישט קלאר. דער עולם ווייסט נישט קלאר, ס'רעדט זיך א פרצה מער ווי צען אמות אדער ווייניגער ווי צען אמות, און וואס פעלט אויס די גאנצע חידוש. איי דאונט נאו. מ'דארף פרעגן די רבנים.

**Speaker 1:** בקיצור, מיר לערנען דא הלכות, דאס איז די ערשטע מאל וואס ס'שטייט דאס ווארט "כרפף". ס'הייסט, איך האב נישט אויסגעטראכט דעם ווארט. אפשר "כרפף" איז א ווארט פאר א געוויסע סארט שטח וואס מאכט זיך נעבן א חצר, פארדעם שטייט עס דא.

וואס ער לערנט איז שאין עבר החצר מתירה, ווייל מ'וואלט געקענט זאגן אז די כרפף איז א טפל צו די חצר. ס'איז א חצר וואס איז אפן צו א גרעסערע שטיקל רשות היחיד. זאגט מען אבער נישט אזוי.

אבער אה, ס'האט זיך קיין וועג נישט געווען נפרד. וואלט עס געווען אזוויי א קרפף וואס איז אפן צו א מקום מוקף לדירה, אזא קרפף וואלט אפשר נישט באקומען א דין ווי אן עקסטערע קרפף, עס וואלט אויסגעקוקט ווי א גרעסערע חצר, אפילו גרעסער ווי בית סאתים, און עס וואלט נישט געווען נפרד, נאר מ'האט אפיציעל געבויט אזוי. און אפילו די שטח איז נישט באמת א חצר, איז באמת לא לשם דירה, אבער עס איז געבויט צוזאמען, וואלט עס אפשר געווארן בטל.

אבער עס איז נישט געווען אזוי, נאר עס איז געווען פריער די וואנט, און עס איז געווען אינגאנצן עקסטער. יעצט ווען די וואנט איז אוועקגעפאלן, ווערט דאס נישט מותר. די חצר ווערט אויך נישט אסור, אבער דאס ווערט נישט מותר.

**Speaker 2:** אקעי, זייער גוט.

### הלכה ט — מיעוט בית סאתים

#### אילנות אינו מיעוט

**Speaker 1:** איז אזוי, וואס טוט זיך? **היתה יתירה על בית סאתים**, ער האט א פלאץ, א קרפף וואס איז גרעסער ווי בית סאתים, און ממילא גייט עס באקומען א דין ווי א כרמלית מדרבנן, וויל ער עס מאכן קלענער ווי א בית סאתים. אבער אנשטאט בויען יעצט א וואנט צו מאכן קלענער ווי א בית סאתים, לייגט ער אריין ביימער.

**אמר רב הונא אמר רב, אילנות אינו מיעוט**, הייסט נישט קיין מיעוט. וואס הייסט, א בית סאתים וואס האט אינעווייניג ביימער, די ביימער איז נישט מבטל די שטח.

#### עמוד בצד הכותל — גבוה עשרה ורחב שלשה

**אבל בנה עמוד בצד הכותל**, אויב האט ער אבער געבויט עפעס, ער האט געבויט אן עמוד לעבן די וואנט, נאנט צו די וואנט, **גבוה עשרה ורחב שלשה או יותר**, די עמוד איז גבוה עשרה טפחים און ברייט דריי טפחים, **הרי זה מיעוט**. דאס הייסט יא עפעס געבויט וואס מאכט די בית סאתים קלענער, איז הרי זה מיעוט, ווערט עס יעצט די פלאץ ווערט עס א מקום וואס איז נישט א בית סאתים, מעג מען טראגן דערין.

אבער עס דארף אבער זיין, די עמוד מוז אבער זיין שלשה, ווייל נישט איז עס א קלייניגקייט.

**אבל פחות משלשה אינו מיעוט**, פארוואס? **שכל פחות משלשה כלבוד היא.** אויב איז עס לעבן די וואנט, איז עס נישט גרויס שלשה, וואלט מען געזאגט אז עס ווערט גערעכנט ווי די וואנט.

**Speaker 2:** אהא, סאו עס דארף זיין אז ער מאכט די חצר אביסל קלענער ווי א בית סאתים.

**Speaker 1:** יא, כאפ מיר. עס קען עס אבער געשען שפעטער, דאס הייסט איינמאל ס'איז געווארן א דין בית סאתים, רעכנט מען נישט מיט דעם וואס ער מאכט שפעטער.

**Speaker 2:** ווייל ס'איז לבוד זאגט עס כאילו דו האסט געבויט אויף די וואנט. עס זאגט כאילו... ווייניגער ווי דריי טפחים איז גארנישט, נישט מבטל.

#### מחיצה הרחוקה מן הכותל שלשה

**Speaker 1:** וואס טוט זיך? אה, **וכן, הרחיק מן הכותל שלשה ועשה מחיצה**, ער האט אוועקגערוקט א... נישט אן עמוד, נאר ער האט געמאכט א מחיצה. **מיעט!** האט ער מיט דעם קלענער געמאכט די פלאץ. עס איז געווארן קלענער ווי א בית סאתים.

אבער אויב עס איז **פחות משלשה**? **לא עשה כלום**, האט ער גארנישט געטון, ווייל דער זעלבער ענין פון לבוד.

#### טח את הכותל בטיט

**Speaker 1:** וואס טוט זיך? נישט ער האט געמאכט א מחיצה אדער עמוד. נאר **טח את הכותל בטיט**. ער האט דער פשוט גרעסער געמאכט די כותל. ער האט געשמירט דערויף טיט. **אפילו שאינו יכול לעמוד בפני עצמו**, אפילו אויב דער טיט, עס איז נישט עפעס א געביידע. ס'איז א חקול גרעסער געמאכט די טיט. אבער ער הייסט ער **מיעט**. מיט דעם האט געמאכט אז די כותל איז אזוי יעצט דיקער, און ס'בלייבט נישט קיין בית סאתים פון די ענד פון די כותל און ווייטער. הייסט עס יא, ער מיעט. עס איז ווייניג.

#### דיון: דער חילוק צווישן עמוד בצד כותל און טח כותל בטיט

**Speaker 2:** אה, די דריי טפחים מיינט עס עס זיין ברייט דריי טפחים. נישט ווייט דריי טפחים פון די כותל.

**Speaker 1:** ניין, מ'רעדט יא פון ווייט. הרחיק מן הכותל.

**Speaker 2:** אה, אבער די טח כותל בטיט...

**Speaker 1:** ניין, דא איז אן אנדערע זאך, ווייל דא האט ער גרעסער געמאכט די כותל. א מחיצה איז גארנישט, א עמוד, איינער וואס בויט סתם א פויל אינמיטן פון א בית סאתים, טוט ער גארנישט. ווייל דו ווילסט אז די פויל זאל ווערן אנגעקוקט ווי א נייע כותל. ווי דו האסט יעצט געבויט א נייע כותל. דאס שטיקל כותל זאלסטו אנקוקן עקסטער. מען קוקט נישט אן ווי עקסטער די כותל ווען ס'איז נאנט צו די כותל.

אבער אויב מען האט געמאכט דיקער די כותל, האט מען באמת געמאכט די טשענצע כותל. די גאנצע פלאץ איז געווארן קלענער.

**Speaker 2:** אה, לכאורה, א נישט... א נישט... א... ווייסט נישט, דארף מען טאקע א געוויסן וויפיל וויניגער פון א בית סאתים. עס קען א נישט די גאנצע, אבער עס דארף זיין עפעס א געוויסע חשיבות אז עס וועט אריינגערוקט אין די בית סאתים עפעס.

**Speaker 1:** פריק דארף דאס א חילוק טח כותל מיט אן עמוד. אן עמוד בצד א כותל. ווייל אויב עס איז... ווייל... די זעלבע זאך, דו מאכסט עס קלענער, צו לייגן עפעס א שטיקל צו די וואנט, כביכול נעבן די וואנט לייגסטו עפעס. דאס איז נישט קיין עכטע זאך, ווייל עס איז נישט קאנעקטעד צו די וואנט פון איין זייט, און עס איז אויך נישט געגוג גרויס וואס עס זאל הייסן ווי א וואנט פאר זיך.

אבער ווען דו האסט עקטשועלי געמאכט עפעס, די וואנט איז געווארן גרעסער, איז זיך טאקע דיין שטח געווארן קלענער. דארט איז נישט דיין שטח געווארן קלענער, ס'איז אזויווי דו לייגסט עפעס אראפ אינמיטן. דו לייגסט עפעס אראפ, דו נעמסט אראפ די שטח. דארט לייגן באקסעס, האסטו נישט אוועקגענומען די שטח. ס'איז אזויווי אריינפלאנצןביימער, וואס מאכט נישט קלענער די שטח. אבער מאכנדיג דיקער די וואנט, האסטו באמת געמאכט אז ס'איז דא קלענער ווי א בית סאתים.

**Speaker 2:** אקעי.

**הקיפו בתל — מחיצה על גבי מחיצה**

**דער תל אין דעם טעקסט**

**Speaker 1:** "**הקיפו בתל שלשה**", נו, ווי קומט אריין דער תל? אונז האבן נאך נישט געהאט דא א תל, סאו ס'פעלט אונז נאך אביסל אינפארמאציע.

**Speaker 2:** נאכאמאל, וואס איז דא? "הקיפו בתל", וואס הייסט דאס? ווי, אין דעם פלאץ פון בית סאתים איז דא א תל?

**Speaker 1:** ס'שטייט "כותל" ביי די אנדערע דרוק, איך ווייס נישט.

**Speaker 2:** אה, "הקיפו בכותל". נישט "בתל".

**Speaker 1:** ס'שטייט יא. ניין. "ספר ארץ ישראל" שטייט "בתל".

**Speaker 2:** אה, אפשר איז דא... ניין, ניין, ס'שטייט יא "הקיפו בתל".

**Speaker 1:** אממ... ס'איז געווען עפעס א תל. ס'איז א תל. די מחיצה איז געווען א תל. איך ווייס נישט וואס איז דא געשען, וויאזוי איז דא אריינגעקומען א תל.

**Speaker 2:** איינער זאגט... אממ... דא ווייטער כאפ איך נישט די... ער זאגט אז ס'פעלט דא עפעס ווערטער, אבער אזויווי אין דעם בית סאתים איז דא א תל.

**Speaker 1:** אקעי, און?

**Speaker 2:** זעט אויס אז דער תל איז נאך נישט מבטל, ס'ווערט נאך נישט אויס בית סאתים. דער תל... נישט קלאר.

**דער פשט: תל אלס מחיצה אין א טיפע פלאץ**

**Speaker 1:** ער זאגט אזוי, אז מ'רעדט פון א פלאץ וואס איז א טיפע פלאץ, און דער תל איז די מחיצה. איז דעמאלטס, אויב מ'מאכט א מחיצה, העלפט עס דריי טפחים אוועק.

**Speaker 2:** טאמער מאכט ער א מחיצה אלס וואס האט ער... ער מאכט העכער די מחיצה, וואס קומט... פארוואס זאל עס העלפן? איך כאפ נישט פונקטליך וואס ער רעדט.

**Speaker 1:** ער וויל ארויסברענגען פון "תוכו של כותל בטוט". איינמאל ער האט געזאגט "תוכו של כותל בטוט", איז ער טראכט אז די מין וועג קען מען טון אלע וועגן אויך. אויב איז עס אראפ, אבער לכאורה אראפ וועט דאך אויך דארפן העלפן. ס'איז נישט קיין חילוק וויאזוי דער פלאץ ווערט א בית סאתים.

ער זאגט אז ס'רעדט זיך אז ס'מיינט, ס'קען נישט... לאמיר קודם זאגן די הלכה וואס שטייט, און נאכדעם וועלן מיר זען וואס ער רעדט.

**הלכה: הרחיק מן התל שלשה — מועיל; על שפת התל — אינו מועיל**

**Speaker 1:** ער זאגט אזוי, אויב מ'מאכט א מחיצה נעבן די תל, העלפט עס. אויב מ'מאכט א מחיצה "אן טאפ" אויף די תל, העלפט עס נישט. "**שעושה מחיצה על גבי מחיצה אינו מועיל**".

**Speaker 2:** אפשר מיינט ער צו זאגן ווייל ער מאכט א נייע מחיצה לשם דירה, אזוי ווי די נעקסטע שטיקל.

**Speaker 1:** סאו, לאמיר אינעווייניג גיין.

**ביאור: תל אלס רשות היחיד, און ווי מ'מאכט עס מוקף לדירה**

**Speaker 1:** סאו, ביז יעצט האבן מיר גערעדט וועגן א בית סאתים וואס איז ארומגענומען מיט א מויער, א וואנט, און די וואנט מאכט עס פאר א בית סאתים. ס'איז דא נאך א וועג ווי א פלאץ ווערט א בית סאתים, א פלאץ וואס איז א שטיקל גריבל.

**Speaker 2:** תל מיינט... תל מיינט א גריבל אדער א בערגל?

**Speaker 1:** תל מיינט א בערגל. די בערגל איז ארום, סאו ער איז "אינסייד" די בערגל. סאו ס'איז דא א בערגל וואס איז גרויס בית סאתים. ווען ס'וואלט געווען קלענער ווי בית סאתים, הייסט עס אזויווי א מקום לעצמו, ווייל די בערגל וואס איז גבוה עשרה און אזוי ווייטער מאכט עס פאר א מקום אזויווי רשות היחיד, אזויווי מיר האבן פריער געלערנט אז א פלאץ ווערט א רשות היחיד.

אויב ס'איז גרעסער ווי בית סאתים, ווערט עס אויס רשות היחיד. וואס טוט זיך אז ער וויל אז ס'זאל צוריק ווערן א מקום פון... ס'זאל צוריק הייסן א רשות היחיד, נישט קיין כרמלית? וואס טוט ער? ער מאכט א מחיצה על שפת התל, און ער טראכט אז מיט דעם גייט ער עס מאכן מוקף לדירה.

זאגט ער, "**הורחק מן התל שלושה ועשה מחיצה**" – אויב האט ער געמאכט א מחיצה אויף די תל, שטייט אז מ'הייבט אן צו רעכענען ווי די בית סאתים איז נישט די גאנצע תל, נאר פון ווי די מחיצה הייבט זיך אן. פון ווי די מחיצה הייבט זיך אן איז דא קלענער ווי א בית סאתים, איז עס מותר, הואיל האט ער געהאלפן. ס'ווערט טאקע א מקום וואס ווערט וויניגער ווי א בית סאתים, אדער ווערט עס א מקום מוקף לדירה.

די נייע מחיצה קען טון איינע פון די צוויי זאכן: אדער מיט דעם ווערט עס קלענער, און דאס איז ווען ער מאכט די מחיצה אריין אין די תל.

**אבער "עשה מחיצה על שפת התל"**, ער האט פשוט געמאכט אז די שפת התל זאל העכער ווערן, ער האט געבויט אזוי אויף די בארג, ביי די עק פון די בארג זאל זיין נאך א וואנט, העלפט נישט. מ'זאגט נישט אז מיט דעם ווערט עס אזוויי יעצט מוקף לדירה. ווייל ס'איז דאך נישטא דא קיין מחיצה. דאס וואס ער מאכט א תל אליין איז דאך א מחיצה, דאס מאכט די פלאץ פאר אן עקסטערע בית סאתים. מאכט ער נאר א מחיצה על גבי מחיצה, **אינו מועיל**, העלפט עס נישט.

**דער חידוש: מחיצה על גבי מחיצה אינו מועיל**

**Speaker 1:** דאס איז די חידוש. יעדער איינער וואלט פארשטאנען אז סתם אז ער מאכט לעכער אין א וואנט העלפט נישט. דא וואס דו קענסט מיינען אז א תל איז דאך נישט ממש א מחיצה, ער לייגט דאך אויף, זאגט ער ניין, ס'העלפט נישט.

**דיני מוקף לדירה, רחבה, ושיירא בבקעה**

**רחבה שאחורי הבתים**

**Speaker:** אה, די אונטערשטע איז אוועקגעגאנגען. די תל האט זיך צעפאלן, און יעצט איז נאר געבליבן די וואנט? ס'איז אריינגעזינקען אין די ערד, איך ווייס נישט. ס'האט געוואוינט גלייך לעבן סדום אדער וואס?

**והרי העליונה קיימת, הואיל ונעשית העליונה לשם דירה.** די פראבלעם פארוואס די מחיצה העלפט נישט איז ווייל ס'איז מחיצה על גבי מחיצה. מ'נוצט מער נישט קיין מחיצה על גבי מחיצה ווייל די אלטע מחיצה התחתונה איז אראפגעפאלן. בלייבט מיר יעצט נאר מיט איין מחיצה, און די מחיצה איז יא געמאכט געווארן לשם דירה. **והרי עכשיו נראין אלו,** יעצט זעט מען דאך נאר די איין מחיצה וואס איז א מחיצה לשם דירה, **הרי זהו, אין אמצעו זורקין וניטלין,** מעג מען יא.

סאו ביז יעצט האבן מיר גלערנט וועגן א נארמאלע, אזוי ווי א מקום קבוע, אדער ניין, נישט דאס האב איך געוואלט זאגן, איך האלט נאך נישט ביי דעם. ביז יעצט האבן מיר געלערנט וועגן א כרפף, אדער א פלאץ וואס איז נישט מוקף לדירה. יעצט גייען מיר לערנען עפעס א נייע סארט אופן וואס איז בעצם די זעלבע סארט פראבלעמס. איך ווייס נישט וואס איז די חידוש. די חידוש איז אפשר אז אפילו אין אזא אופן איז עס נאך אלץ א פראבלעם.

דאס איז גרעסער פון א בית סאתים, ווערט עס דאך ווי א כרמלית. ס'איז נישט נאר ווען ס'איז בכלל נישט מוקף לדירה, נאר אפילו ס'איז פון די אנדערע זייט, ס'איז בעק פון הייזער. ממילא, מ'קען אפשר זאגן אז דאס הייסט יא לענין אז ס'הייסט אזוי א חצר פאר די הייזער. זאגט די גמרא, אבער אויב ס'איז גרעסער ווי א בית סאתים, נעמט מען עס נאך אלץ אן עקסטרע היתר, און נישט ווערט עס א כרמלית. ס'ווערט א רחבה.

ס'איז דא אזא זאך וואס הייסט רחבה. די עירובין ברענגט פון די משנה אז ס'איז דא פארשידענע זאכן. א חצר הייסט אויך אן אפענע פלאץ, אבער מ'נוצט עס. ס'איז נישט סתם א יארד, א שיינע יארד. ס'איז נישט סתם א פלאץ וואס מ'נוצט, א חצר איז פארט פון די תשמישי הבית. און די חצר איז אין די פראנט פון די הויז געווענליך.

אבער רחובות שמאחורי הבתים, וואס איז אין די בעק, טאמער נוצט מען עס נישט, אפשר שפאצירט מען דארט, אבער מ'נוצט עס נישט אויף צו טון זאכן, איז אפילו עס איז ארומגענומען, איין מאל טלטולין בו אלא בד' אמות, האט דער עלטערער גוזר געווען, אזוי ווי א כרמלית, אז מ'טאר נישט טראגן מער ווי ד' אמות.

**ואפילו היה פתח הבית פתוח לתוכו,** אפילו ס'איז אפן צו דיין הויז, זאגט מען נישט אז וועגן דעם הייסט עס היקף לדירה וואס איז קאנעקטעד. ניין, וויבאלד מ'האט עס געבויט נישט לשם דירה, איז עס האט עס די דין פון א מקום שאינו מוקף לדירה, און מ'טאר נישט טראגן דערין נאר וויניגער ווי ד' אמות.

אבער, **ואם פתח הפתח לשם ואחר כך הקיפה,** אויב מ'האט לכתחילה עס געבויט אזוי, אזוי זעט אויס, מ'האט קודם געעפנט די טיר און נאכדעם האט מען געמאכט די היקף, דעמאלט'ס, פשט איז אז ס'איז נישט געבויט געווארן סתם בתור עפעס א מקום משומר לעבור, ס'איז געבויט געווארן לכתחילה כדי צו זיין מער אזוי ווי א שומר משמרך פאר די הויז, דעמאלט'ס **הרי זו כהיקף לדירה ומותר לטלטל בכלו,** דעמאלט'ס מעג מען טראגן אין גאנצן.

איך פארשטיי אז אפילו איך ווייס נישט וואס ס'האט צו טון מיט די ציל, נישט ווייל דעמאלט'ס האט מען עס געבויט לשמוש, נאר ס'זעט אויס ס'איז א דין, ווייל מ'האט עס געבויט נאכדעם וואס מ'האט געעפנט צו א טיר, הייסט עס ווי א חצר. און דאס איז די אופן וויאזוי ס'ווערט א חצר. אין אנדערע ווערטער, די פריערדיגע דינים האבן גערעדט ווען קודם האט מען געבויט א רחוב און נאכדעם האט מען געעפנט א טיר. זייער גוט.

**רחבה פתוחה למדינה ולשביל הנהר**

יעצט איז דא נאך עפעס אן אינטערעסאנטע דין, איך האב נישט פארשטאנען פונקטליך די דין אויך נישט. ס'איז דא א רחוב, איך האב געברענגט א פיקטשער. **פתוחה למדינה מצדה,** ס'איז אפן צו די שטאט, ס'הייסט צו די הייזער, לאו דווקא, צו וואס? צו א רשות היחיד, ווייל מדינה מיינט... אה, ער זאגט מבוי. יא, ס'מוז זיין א מבוי, ווייל נישט א רשות הרבים וועט נישט העלפן.

**ומצד אחר היא פתוחה לשביל המגיע לנהר,** ס'איז עפעס א וואקאציע פלאץ. איז דא די אנדערע זייט איז אזא וועג וואס פארט צו די טייך. איז דאס אויך א דרך א רחבה וואס איז נישט לוקף לדיירין לכאורה. ס'איז איין זייט איז עס אפן צו רשות היחיד, און איין זייט איז עס אפן צו כרמלית. יא, עפעס אזוי, יא.

איז דעמאלטס וואס? **עושין לה לחי מצד המדינה,** מאכט ער א לחי אויף די זייט פון די שטאט, **והיא מטלטלת כולה, ומתוכה,** דאס הייסט ער מעג יעצט, ווערט עס כלי, איך ווייס נישט וואס ס'ווערט, **ומתוכה למדינה ומדינה לתוכה,** און מ'מעג טראגן אלע וועגן.

פארוואס העלפט די לחי פונקטליך, האב איך נישט קיין אהנונג. וואס הייסט, מ'גייט נישט טארן טראגן פון די נהר, אהין גייט מען נישט טראגן. פון די כרמלית גייט מען נישט טארן טראגן. סאו איך ווייס נישט וואס די נהר העלפט. איך וואלט עס געקענט סתם אזוי ענדערן אן די נהר.

וואס? פארוואס באצאלט מען בכלל וועגן א נהר? יא, וואס פעלט אויס די נהר? אז סתם א רחבה טאר מען נישט טראגן. זאגט ער, ניין, די לחי איז עס מתיר. ניין, ער זאגט דא עפעס וועגן א לחי. תנאי הלכה, א לחי איז מתיר. סאו וואס קומט אריין די נהר? יא, וואס איז די מצד אחד פתוחה? דאס איז וואס מאכט אז די לחי זאל קענען ארבעטן? אינטערעסאנט. נישט קלאר.

אפשר די ווארט איז, ווייל דעמאלטס ווייסט מען אז מ'גייט ארומגיין אין די בית הסתום אנצוקומען צו די נהר, און ס'איז אלעס אזוווי א... איך ווייס נישט. מ'איז מיסינג עפעס אינפארמעישאן אין די מעשה. ס'איז אבער זייער ספעציפיש. ס'איז עפעס א נהר. יא, מ'רעדט דא עפעס. ס'איז דאך אזא פאל ווערט די רחבה עפעס א חלק פון א שימוש פון די מדינה. ס'איז א רחבה וואס מ'נוצט צו קענען גיין און קומען פון די נהר, צו קענען ברענגען וואסער פון די נהר. אפשר אזוי זעט עס אויס. זמנים דרך באדין, אזוי זאגט ער.

נישט קלאר. ס'איז א מעשה אין די גמרא. דאס איז איינע פון די קעיסעס וואס די רמב"ם ברענגט פונקט ווי ס'איז געווען משנה מעשה אין די גמרא, און צו קענען א שאלה דרבנן מיט אנדערע האבן זיי זיך געדינגען וויאזוי מ'דארף עס טון. אקעי. ניין, ס'איז נישט קלאר.

**יחיד ושיירא ששבתו בבקעה**

יעצט קומען מיר לערנען נישט אין א שטאט, נאר בבקעות. דאס הייסט מענטשן זענען געווען אין א בקעה, וואס מיר האבן געלערנט מיינט א גרויסע אפענע שטח ווי מ'פארט, אדער מ'האט עס דא שדות אמאל וכדומה. און ס'איז געווען א מענטש יחיד.

וואס איז דער דין פון א בקעה? א בקעה איז א כרמלית, יא? בקעה איז בעצם א כרמלית, יא. מיר האבן געלערנט בפירוש, בקעה תשע כרמלית, יא. איז א מענטש האט געוואלט שבת אין א בקעה, ער איז נישט געגאנגען אהיים, ער איז געווען אויפ'ן וועג, ער האט געמאכט א קעמפינג שבת. יא, גוט, ער האט געמאכט א קעמפינג.

**דין יחיד ושנים**

וועגדט זיך אבער וויפיל מענטשן. ס'איז אן אינטערעסאנטע הלכה, ס'וועגדט זיך וויפיל מענטשן. אזוי, **יחיד ששוהה בבקעה, עשה מחיצה סביב לה,** א איד איז געגאנגען אין א בקעה, ער האט געמאכט א מחיצה, ער וויל קענען טראגן שבת זיין טשאלנט צו די טענט פון די קעמפינג, יא. איז אזוי, **אם יש בה עד בית סאתים, מותר לטלטל בכולה,** ווייל ס'איז געמאכט א רשות היחיד, געהעריג געמאכט א מחיצה.

**ואם הוסיף על בית סאתים, אסור לטלטל בה,** ער האט עס געמאכט צו גרויס, יא, דאס איז א פראבלעם. אויב א מענטש גייט אין א בקעה און ער מאכט א מחיצה, לויט וואס מיר לערנען דא, דארף ער מאכן זיכער אז ס'איז וויניגער ווי בית סאתים, ווייל אויב נישט וועט זיין די גזירה אז מ'טאר נישט

טראגן דערין. די מחיצה זעט אויס אז ס'איז נישט געמאכט לשם דירה, ס'איז געמאכט לשם עבר אזוי ווי. ס'רעדט זיך דאך ווייל ס'איז א בקעה, ער גייט שפאצירן, ער קומט דא שפאצירן, יא.

ער ברענגט, דער שולחן ערוך זאגט אז דאס איז טאקע אינטערעסאנט, דאס איז נאר אויב ער מאכט א שוואכע מחיצה, לכאורה. און דא זאגט דער רמב"ם נישט דער חילוק.

**וכן אם היו שנים,** צוויי אידן אויך, יעצט ווייטער, הייסט עס א בית סאתים, ס'איז א לוקה לדירה, און מ'קען נישט טראגן דארט.

### דין שיירא — שלשה או יותר

**אבל שלשה ישראלים או יותר על כן ששהו בבקעה,** מער ווי דריי אידן וואס זענען געגאנגען א שבת אין א בקעה, א נייע הלכה, **הרי הן שיירא,** באקומען זיי א דין וואס הייסט שיירא. **מותר להן לטלטל בכל צורכן, אפילו כמה מילין,** דעמאלט מעגן זיי טראגן וויפיל זיי ווילן, אפילו אפאר מייל.

פארוואס? ווייל לכאורה, מחנה מייקל געווען לכאורה וואפן אונטערוועגנס, אויף דעם האט אויסגעזען. ס'זעט עפעס אויס ווי ווייל פאר אזא גרויסע עולם איז בית סאתים נישט קיין גרויסע שטח, ס'זעט שוין נישט אויס ווי א כרמלית. די גאנצע בית סאתים איז צו גרויס אז מ'זאל זאגן אז ס'איז א רשות היחיד פאר א מענטש. מ'רעדט דאך טאקע אויב מ'איז נישט איינער מכוון לדירה. אבער אויב ס'איז דא דארט, ס'איז אינטערעסאנט ווייל די הלכה וואלט מען געקענט בעצם נישט צוויי פריער, אז אויב איז די פלאץ פאר א גרויסע עולם צו וואוינען, קוקט מען עס אן ווי ס'איז נישט ריכטיג. ס'איז נאר ווען מ'פארט אויף די וועג, וועלכע האט די שבת זייער... נאר די, לאמיר טראכטן די גאנצע מעשה.

ס'איז נישט קלאר אויב ס'איז נישט דווקא לדירה. ס'איז ווי חצי לדירה, ס'איז א דירת עראי. ער מאכט נאר פאר די שבת א דירה פאר די שבת. סא, אויב ס'איז מרובה, אפשר אזוי וואס דו זאגסט, איין מענטש דארף נישט אזויפיל שטח, אבער מער ווי דריי מענטשן קענען וויפיל שטח זיי ווילן.

### תנאי: שלא ישארו בית סאתים פנוי בלא כלים

אבער איך מיין אז דאס איז א קולא נאר אויף אונטערוועגנס, אויף אזא סארט בחינה, ווען שיירא. און דאס זאגט אויך א תנאי, דאס סאונדט אזוי ווי דיר, **"שלא ישארו במחיצה שהקיפו בית סאתים פנוי בלא כלים".** ס'טאר נישט איבערבלייבן פון די מחיצה וואס זיי האבן צוזאמגענומען, זאל זיין קיין צוויי סאה בית סאתים ליידיג אן קיין כלים. דאס הייסט, ער דארף לייגן אין יעדע בית סאתים עפעס א זאך וואס זיי האבן.

**"אבל אם נשארו בית סאתים פנוי בלא כלים, ולא צריכין להו",** דאס הייסט זיי דארפן נישט די שטח, אויב זיי דארפן יא, הייסט אז ס'איז דא כלים, ס'איז צריכין להו, יא, זיי נוצן עס, זיי טוען דארט עפעס, דעמאלטס **"אוסרין לטלטל בכל המחיצה אלא בארבע אמות".** דעמאלטס העלפט נישט, און זיי טארן נישט טראגן אין די שטח.

ס'זעט טאקע אויס אזוי, אז ווייל ס'איז א שיירא דארף ער מער פלאץ, איז די אלע פלעצער וואס ער נוצט הייסט בית דירה. אויב ס'איז א שיירא. ס'איז דאך אפילו קאמל מילין.

### קשיא: סתירה בין "כמה מילין" לתנאי "בלא כלים"

ס'איז דא פשוט א שטיקל סתירה אין מיין אויער, אויב ס'איז קאמל קאמל מילין... מ'פארט, איך מיין קעמלעך, זיי פארן אזוי ווי א... רייט, דארפן זיי מער פלאץ, מ'קען דאס הערן. ס'איז א גאנצע מחנה ווערט נישט... ס'איז אביסל אינטערעסאנט, קודם זאגט ער אפילו קאמל מילין, און יעצט... "פנוי בלא כלים" מיינט ער מסתמא נישט אז מ'קען יעצט מאכן אן ארמיי און לייגן אויף יעדע צען פיס איין כלי.

ס'זעט אויס ווי, ממילא דעמאלטס דארף מען מער פלאץ, ווייל מ'קומט צוזאמען מיט פעק און זעק, ווייל מ'פארט א שיירא, פארט מען און מ'האט זאכן. איך ווייס נישט.

### קטנים אין שיירא

פאר איין עקוטן מאכט מען נישט קיין שיירא, אבער אויב ס'איז דא צוויי מענטשן עקוטן, העלפט עס נישט, ס'דארף זיין דריי גדולים. יא, דריי גדולים. איך האב געפרעגט די חכמים, זיי זאגן אז עקוטן... וואס איז די שייכות?

### דין מת אחד מהן

אבער איינער שטארבט, **"שלושה שהיו מהלכין בדרך, ומת אחד מהן",** ער האט געמאכט קודש שביעי, ער האט געמאכט שבת, אינמיטן אכט קערעך נעבעך, קען זיין א טראגעדיע. איינער פון זיי איז געשטארבן, און יעצט ווערן זיי אויס שוין יורש, וועלן זיי מער נישט טראגן.

תירץ איז, ניין, **הרי הם טהורים לטבול בקלי,** לכאורה, ווייל ווען ס'איז געווארן שבת האט עס געהייסן יא מקום מיקח ולדירה, אדער מקום מיקח ולדירה לשלשה, אזוי מיינט ער. אבער פארקערט, זיי גוט, אזוי זאגט ער, קען נישט זיין. פארקערט, מילא זאלסטו זאגן ס'קומט ארויס א חומרא, קען נישט זיין.

### מחיצות פון שיירה און כללי המחיצה

### שלושה מקומות המוקפין זו בצד זו

## Speaker 1:

אבער פארקערט, זיי גוט, אזוי זאגט ער, **"היו שניים"**, פארקערט, ממילא זאל דאך קומען א חומרא, **"היו שניים ושבתו בבית זה"**, זיי האבן קובע געווען שביתה אין א גרויסע פלאץ וואס מ'טאר נישט טראגן דארט, **"ואחר כך בא להם שלישי"**, אינמיטן שבת איז געקומען א דריטער, וויאזוי איז ער געקומען אינמיטן שבת, גיי ווייס, **"אסורין לטלטל אלא ארבע אמות, כשם שהיו קודם שיבוא זה."** די שביתה איז די גורם, לא הדיורין, בשעת ווען ס'ווערט שבת דארף זיין שוין דריי דיורין, נישט די עקטשועל וואוינען, אפילו יעצט בשעת סעודה ס'איז שוין דא דריי מענטשן העלפט נישט ווייל... יא.

וואס איז די נייע הלכה? דאס איז נישט די דעת תלמידי שיעור, ער האט א נייע מעשה. **"שלושה מקומות המוקפין"**, מ'האט געזען א פיקטשער ווי מ'דארף, **"שלושה מקומות המוקפין, שלושה מדירות זו בצד זו, ופתחין זו לזו"**, דריי פלעצער וואס זענען אלע דריי אזעלכע סארט סיטואציעס, זענען אפן איינע צו די צווייטע, עס ווענדט זיך, **"אם שניים מן החיצונים רחבים והאמצעי קצר"**, יא, אזוי ווי ער וויזט דא א פיקטשער, שניים ראשונים חיצונים רחבים והאמצעי קצר, יא, וועלן מיר זען, יא, דאס הייסט, ס'איז דא פלאץ, די מיטלסטע איז אזוי ווי, זיי שטעקן זיך ארויס איינע פון די צווייטע און די אנדערע צווייט, **"שנמצא לשניים מן החיצונים פסים מכאן ומכאן"**, קומט אויס אז די, נאכאמאל טרעפן די פסים, ס'האט אזא שטיקל וואנט פון ביידע זייטן פאר די דרויסן, **"ואין אחד בזה"**, און נאכדעם, **"ואין אחד בזה"**, ס'איז גורם איין דיר און איין דיר, נישט פון די געגנטער, אז שוין איז גורם איין דיר, ער רעדט יא ווייטער פון א שיירה, אדער ס'איז כלי כשיירה, ס'איז אזוי ווי מ'קוקט זיי אן ווי איין גרופע, רייט, ס'דריקט איין דיר דא און איין דיר דא, **"הרי אלו נעשים כשיירה, מותרים לטלטל."** אזוי די שירה באקומט כל צרכן, נישט ער באקומט די גאנצע וועלט. עניוועי, די שמשות בין השמשות פון שבת מאכן א עירוב, וועט ער דארפן מאכן א מחיצה, ער גייט נעמען וויפיל ער דארף.

אבער פארקערט, יא, **"אם האמצעי רחב"**, אויב מ'קען זיך פארשטעלן די פארקערטע פיקטשער, איך דארף נישט ארײנשרייבן, יא, **"אם האמצעי רחב ושני החיצונים קצרים"**, די אמצעי איז צווישן די פס, **"ושני החיצונים"**, יא, די פסים זענען דא פאר די אנדערע וועג, **"ושני החיצונים"** קומט אויס אז די פסים זענען אזוי ווי מחיצות, פשוט די מיטלסטע פלאץ איז ארומגענומען מיט מחיצות.

רייט, **"לפיכך אם שרו זה בזה וזה בזה, אין נותנין להן כל צרכן, אלא כל אחד ואחד יש לו בית סאתים בלבד"**, ווערט נישט יעדע איד באקומען בית סאתים, אבער דריי אידן וואס האבן באקומען מער פון

דעם, רייט, דא באקומט ער נישט. אבער ס'איז דא נאך א וועג וואס מ'קען יא באקומען, **"אם היו זה בזה וזה בזה ושנים באמצעי"**, אויב ס'איז דא צוויי מענטשן אין די מיטלסטע, **"אדער שנים בזה ושנים בזה ואחד באמצעי, דעמאלטס נותנין להם כל צרכן"**, דאס הייסט אפילו ווען ס'איז יא דא, ווען די חיצונים זענען רחבים.

**דיסקוסיע: פארוואס העלפט צוויי אין די מיטן?**

## Speaker 2:

ס'זעט אויס, וואס איז די ענין? פארוואס? מ'ווייסט נישט, סיידן ווען די אמצעי איז רחב, מ'ווייסט נישט די סוד. וואס איז די סוד? נותנין להם כל צרכן, פארוואס? מ'ווייסט נישט קלאר.

## Speaker 1:

איך מיין ווייל... וויאזוי ער איז מסביר? דאס הייסט, ווער ס'איז אפן צו די צווייטע איז כלול צוזאמען מיט אים, רייט? למשל ביי די קעיס, און זיי אלע צוזאמען, אלע דריי אידן צוזאמען. אויב ס'איז די קעיס, יא, אמצעי רחב און די חיצונים זענען צרים, יא, לאמיר זאגן אזוי, סאו ער איז, נישט אלע דריי זענען סעפערעט, אפשר נאר צוויי זענען סעפערעט, סאו דריי טרעפן זיך שוין צוזאמען אין די מיטן, אדער איינער מיט איינער איז סעפערעט, אפשר איז דא א כלל פון נשיאות, סאמהאו ווערט שוין דריי מענטשן צוזאמען. דאס איז אלעס וועגן וויאזוי מ'איז מסדר די דריי אידן, דאס איז דא די נושא. מ'דארף פארשטיין פונקטליך די פרטים, אויב איינער האט אמאל א נשיאות אין די קעיס, דארף ער נאכקוקן די הלכה.

יא, יעצט גייען מיר נאכקוקן מחיצה. יא, גוט. האבן מיר געלערנט אז מחיצה, וואס מאכט א רשות היחיד? רשות היחיד מאכט קולות און חומרות וכו'. דארף מען וויסן וואס איז דאס א מחיצה? כללי המחיצה.

**הלכה ט"ו: כללי המחיצה**

**מחיצה שאינה יכולה לעמוד ברוח מצויה**

## Speaker 1:

איך זאג די רמב"ם אזוי, וואס טייטשט א מחיצה? זאגט דער רמב"ם, **"כל מחיצה שאינה יכולה לעמוד ברוח מצויה"**, מ'האט געבויט עפעס, אבער מ'האט געבויט זייער שוואך, אז פון א רעגולער ווינט, א נארמאלע ווינט וואס איז אפט, וועט עס צעפאלן, **"אינה מחיצה"**, ווייל ס'האלט זיך נישט עכט.

**מחיצה שאינה עשויה לנחת**

ווייטער, **"וכל מחיצה שאינה עשויה לנחת"**, ס'איז נישט געמאכט אז מ'זאל קענען דארטן זיך אפרוען, אדער מ'זאל קענען נוצן די פלאץ, **"אינה מחיצה."** למשל, ווען מ'האט געבויט פאר אנדערע סיבות. איך ווייס, אן אלטע וואנט וואס מ'האט געבויט פאר א הויז וואס מ'האט נישט געבויט צום פארן, איך ווייס נישט וואס, מ'האט נישט געבויט פאר א מחיצה, אינה מחיצה. דארף מען שפעטער מסביר זיין, אינה עשויה לנחת. ער זאגט אז ער האט עס נישט געברענגט, ס'איז נישט קלאר וואס ס'מיינט, וואס מיינט דאס עשויה לנחת? דער טייטש פון עשויה לנחת מיינט אז ס'איז נישט געמאכט לשם קביעות, לשם אז ס'זאל אייביג בלייבן דארטן, לנחת אז די מחיצה זאל בלייבן דארטן. דאס הייסט, ס'איז א מחיצה, א צאמלייג מחיצה, אדער ס'איז א מחיצה וואס איז נישט א... וואס איז צייטווייליג, אינה מחיצה.

**מחיצה שעשויה לצניעות בלבד**

נאך א תנאי אין מחיצה, **"וכל מחיצה שאינה עשויה אלא לצניעות בלבד"**, נאר אז מ'זאל זיך קענען דארטן אנטון, אויסטון, אזא סארט זאך, ס'איז נישט געמאכט צו נוצן אז די פלאץ זאל ווערן יעצט ארומגענומען מיט א וואנט, נאר צו קענען באהאלטן אונטער דעם, **"אינה מחיצה."**

**מחיצה שאין בגובהה עשרה טפחים**

און יעצט די סייז, **"וכל מחיצה שאין בגובהה עשרה טפחים או יתר"**, ס'איז נישט געגוג הויך, **"אינה מחיצה גמורה."** אפשר א שטיקל מחיצה איז עס, און געוויסע אנדערע הלכות. ער זאגט אז ס'ווערט א כרמלית, אבער ס'ווערט נישט קיין רשות היחיד. עפעס ווערט עס יא, א מקום פטור, אבער ס'איז נישט...

וואס טוט זיך אז א מענטש האט אראפגעגראבן אונטער די ערד חמישה? אדער נישט געגראבן, ער האט אפילו געמאכט א שטיקל בערגל, גודר חמישה, און גודר, ער האט געמאכט א בערגל מיט שטיינער אדער עפעס, א תל, און אויף דעם האט ער געבויט א מחיצה וואס מ'שטארפן, ס'איז נישט איין וואנט, ס'איז א האלבע וואנט און א האלבע וואנט, אזוי ווי מיר האבן פריער געהאט ביי די תל. אקעי, נאך הלכות.

**הלכה ט"ז: פרוץ מרובה על העומד**

**דער כלל פון פרוץ מרובה**

## Speaker 1:

יא, **"כל מחיצה שיש בה פרוץ מרובה על העומד"**, וואס די מחיצה האט גרויסע פרצות און ס'איז מער אפן ווי צוגעמאכט, און די פלאץ וואס איז אפן, די פרצות, איז אזוי גרויס ווי די עומד, איינע מחיצה. ס'איז גרעסער, ס'איז פרוץ מרובה. **"אבער אויב די פרצות קומען, אויב זיי זענעןביידע די זעלבע סייז, איז ערייזר מיט טערות."**

**פרצה יותר מעשר אמות**

אבער דאס איז נאר ווען ס'איז טאקע פרוץ אזוי סאך ווי עומד, ווייל ס'האט אסאך קליינע פרצות. אבער אויב איין פרצה איז זייער גרויס, איז א גרויסע פראבלעם. זאגט ער אזוי, **"בודאי שאלו יועילו בה פרצות, פרצה שהיא יותר מעשר אמות."** א פרצה פון יותר מעשר אמות איז אינגאנצן מבטל די וואנט, די מחיצה. אבער דאס איז ווען ס'איז גרעסער ווי עשר אמות. אבער צען אמות אליין, **"הרי היא כפתח."** צען אמות הייסט אזוי ווי א פתח און ס'איז נישט מבטל.

## Speaker 2:

הרי היא כפתח מיינט אויך אז לגבי די ענין פון פרוץ מרובה על העומד, אז מ'רעכנט נישט די עשר אמות ווייל ס'איז א פתח? אדער לאו דוקא? איך זאג, ס'איז דא אפאר פרצות, אבער איין פרצה איז עשר אמות. איז איינמאל מ'זאגט אז ס'איז א פתח, רעכנט מען עס בכלל נישט?

**צורת הפתח**

## Speaker 1:

די נעקסטע שטיקל, **"ובלבד שתהיה לה צורת הפתח"**, ממש א צורה, נישט סתם א סקוועור. דאס אז צען אמות איז א פתח און גרעסער ווי צען אמות איז א פרצה, נישט קיין פתח, איז נאר ווען ס'האט נישט קיין צורת הפתח. אבער אויב ס'האט א צורת הפתח, ס'איז דא עפעס וואס ס'זעט אויס ווי א טיר, מיט צוויי פאולס ביי די זייטן, אדער ס'איז דא א שוועל, עפעס וואס מאכט עס צו א פתח, איז דעמאלטס אפילו יותר מעשר אמות איז אין ארדענונג די מחיצה, ס'מאכט נישט קיין קלקול אין די מחיצה, ווייל ס'איז א טיר.

אבער זאגט ער, **"אבל אם יש בה פרוץ מרובה"**, אויב איז די טיר גרעסער ווי די גאנצע מחיצה, העלפט נישט אפילו די טיר איז א פתח.

**דיסקוסיע: צורת הפתח און פרוץ מרובה**

## Speaker 2:

אבער איך ווייס נאך נישט וואס געשעט ווען ס'איז דא די טיר, די טיר איז א געוויסע נאמבער, און ס'איז דא נאך אפאר קליינע פרצות. די זעלבע זאך, ס'וועט זיין פרוץ מרובה.

## Speaker 1:

ניין, דו מוזט האבן גלישע, די א פרץ, די פרץ, די עשר זאל נישט זיין גרעסער ווי די...

## Speaker 2:

ניין, פרוץ מרובה איז די כלל, אזוווי מיר האבן געלערנט, פרוץ מרובה איז אפילו א פרץ פון אן אמה. איז אפילו אויף די... און מ'רעכנט מען אויך די טיר? מיט די פתח?

### Speaker 1:

מיט דער פסח? רייט.

**שיטת הרמב"ם: צורת הפתח העלפט נישט אויף פרוץ מרובה**

פרוץ מרובה, אזוי איז דא אנדערע פוסקים ברענגען אזוי אז די שיטת הרמב"ם איז אז פרוץ מרובה, אז צורת הפתח העלפט נישט אויף פרוץ מרובה. מיט אנדערע ווערטער, צורת הפתח העלפט אויף דאס פריילן פון צען אמות, אבער אנדערש העלפט עס נישט. איך מיין די זעלבע זאך, צען און וויניגער ווי צען אמות העלפט נישט, עס העלפט נאר... ס'דארף זייןביידע קולות. ס'דארף זיין סיי פרוץ מרובה, לויט דער רמב"ם איז נישטא קיין עצה פאר אן עירוב. דאס איז די פוינט. פרוץ מרובה איז קיינמאל נישט... איז אלעמאל מבטל די מחיצה.

**חידוש: נפקא מינה לגבי מאדערנע עירובין**

למשל אונזער סארט עירוב וואס מ'מאכט א צורת הפתח, וואס איז בעיסיקלי נאר צורת הפתח, אבער זיכער פרוץ מרובה על העומד, איז לשיטת הרמב"ם, לשיטת הרמב"ם העלפט עס נישט. און דעריבער איז דא ווער ס'וויל זיין א גרויסער רמב"מיסט זאל זיך נישט סומך זיין אויף אזעלכע סארט עירובין געווענליך. ס'קען זיין טאקע אז למשל דא אין די גאס... ס'איז דא פלעצער וואס יא. למשל אין מיין גאס, ס'קען זיין אז ס'איז יא דא פרוץ עומד מרובה וואס ס'איז זיך גייט, וואס ס'איז זיך גייט.

### Speaker 2:

יא, אבער אויב ס'איז רוב איז א צורת הפתח, דעמאלטס איז עס מער נישט רוב.

### Speaker 1:

יא, אויב פרוץ מרובה על העומד, איז לשיטת הרמב"ם איז עס א פראבלעם. ס'העלפט עס נישט.

### Speaker 2:

ער האט נאך נישט געזאגט רמב"ם. ער האט נאך נישט געזאגט אמת.

### Speaker 1:

אקעי. נאך נאך נאך.

**הלכה י"ז: לבוד ביי מחיצות**

**פרצות פחותה משלשה**

### Speaker 1:

**"מדובר במחיצה בזמן שהפרצות משלשה טפחים ומעלה, שהפרצות הן אויר, אבל אם היו הפרצות כל פרצה פחותה משלשה, הרי זו מחיצה אפילו שהפרוץ מרובה על העומד, שכל פחות משלשה הרי הוא כלבוד."** יעדע וויניגער ווי דריי הייסט ווי לבוד. מיט אנדערע ווערטער, לגבי לבוד איז נישטא קיין פראבלעם פון פרוץ מרובה. רייט.

**הלכה י"ח: מחיצה פון קנים און חבלים**

**קנים**

### Speaker 1:

ער געבט אן עקזעמפל אויף די פרצה. ער געבט אן עצה. **"הראש יקב וקנים"**, ער האט נישט געבויט א וואנט, ער האט נאר אוועקגעשטעלט אסאך העלצערלעך. **"ואם אין בין כל אחד וחבירו שלשה טפחים"**, קוקט מען אן ווי צווישן יעדע צוויי קנים קוקט מען אן ווי ס'איז דא א וואנט. דאס מאכט לבוד.

**חבלים**

אזוי אויך **"יקב וחבילין, ואם אין בין חבילה לחבירתה שלשה טפחים, הרי זו מחיצה גמורה, אף על פי שהיא שתי בלא ערב או ערב בלא שתי, שצריך רק או שתי או ערב"**. דא דריי טפחים פון אויבן, אויך רעדט ער זיך די מהלך אין אידיש, אזוי ס'קען מיינען אז דריי טפחים מוז זיין דריי טפחים סקווער. ניין, אפילו ס'איז דא גאנצע דריי טפחים ליידיג ביז אויבן, אדער די אנדערע וועג, און נאך אלץ הייסט עס א מחיצה גמורה.

**שיעור גובה**

**"וצריך שיהא גובה הקנה עשרה"**, די וועז מען מאכט די מחיצה מיט קנים, דארפן די קנים זיין עשרה טפחים לכל הפחות, ס'זאל זיין א שיעור מחיצה. **"או שיהא מן הארץ עד סוף עובי החבל העליון עשרה"**, אויב איז מען געגאנגען מיט חבלים,

**הלכות מחיצה - צורת הפתח, מאטעריאלן פאר מחיצות, און דינים פון מחיצה מאדם**

**צורת הפתח - גובה עשרה טפחים**

**Speaker 1:** אז פון די ערד ביז די סוף עובי החבל העליון דארף זיין עשרה טפחים. דו האסט שוין געלייגט שטריקן, אבער ס'דארף זיין יעדע דריי, ס'טאר נישט זיין צווישן דריי טפחים, און די עכטע דארף זיין צען טפחים, דו קענסט נישט לייגן א טפח אדער צוויי אדער דריי, רייט? שאין מחיצה פחותה מעשרה, א מחיצה מוז זיין לכל הפחות גבוה עשרה.

ווי לערנט מען דאס ארויס? **על השירים העליונים, הלכה למשה מסיני.** דער רמב"ם מיינט אז די עשרה, די מחיצה איז הלכה למשה מסיני, אז מ'האט מקבל געווען אז א מחיצה איז צען טפחים, און אז לבוד איז דריי טפחים, אזעלכע זאכן. זייער געשמאק.

**צורת הפתח - די דעפיניציע**

**Speaker 1:** און ווייטער, יעצט גייט ער זאגן וואס איז די צורת הפתח וואס ער האט געזאגט, ער זאגט אז אויב האט עס א צורת הפתח, איז דעמאלטס אפילו אויב ס'איז גרעסער ווי צען טפחים. יא, מה זה? וואס איז דאס? **צורת הפתח האמורה בכל מקום, היא? היא אפילו קנה ויוצא בו מכאן וקנה מכאן, צוויי שטאנגען, וקנה על גביהן,** מיט א צורת הפתח, א קנה על גביהן.

**Speaker 2:** א הס?

**Speaker 1:** יא. **גובה שני הלחיים,** סא די קנים פון די זייט רופט ער יעצט לחי. דעם לחי געווענליך מיינט אז ס'איז נישט דא קיין צורת הפתח, יא, נישט ווערן צומישט, אבער דא רופט מען עס, די לחי מיינט אזוויו די מזוזה, יא, די זייט, דארף זיין עשרה טפחים. **גובה שני הלחיים עשרה טפחים או יתר, והקנה ויוצא בו שעל גביהן, אדער שני הלחיים, אלא שיש ביניהם כמה אמות,** אפילו זיי טאטשן זיך נישט, אבל גובה הלחיים עשרה.

**די קנים דארפן קענען האלטן א טיר**

**Speaker 1:** וואס איז צורת הפתח? זאגט דער רמב"ם, וואס דארף זיין? א צורת הפתח, אמרינן **"צריך שתי קנים הראויים לקבל דלת"**. אה, די צורת הפתח דארף זיין אזעלכע שטארקע קנים וואס זאלן קענען טאקע מאכן דערויף א טיר. אפילו מ'האט נישט געמאכט א טיר, אבער ס'דארף קענען האלטן א טיר. **אפילו דלת של קש,** אפילו ס'איז א שוואכע טיר, ס'דארף נישט זיין אזא שטארקע טיר, אבער ס'איז אזא זאך ווי א דלת של קש. ס'איז עפעס א מינימום טיר. קש, אקעי.

**Speaker 2:** יא, דו מיינסט צו זאגן די קנים, ס'דארף זיין גענוג שטארק די שטאנג וואס מ'לייגט אז מ'זאל קענען ארויפלייגן עפעס א שטיקל טיר.

**Speaker 1:** יא.

**פתח של צורת כיפה**

**Speaker 1:** נאך א אופן פון א צורת הפתח וואס מ'דארף דארט זיין שטארק.

**Speaker 2:** יא, א פתח של צורת כיפה.

**Speaker 1:** ער זאגט אז מ'האט דא צוויי קנים, און העכער דעם לייגט מען נאך א קנה. אבער וואס טוט זיך אז די אויבן איז א רונדיגע, איז א כיפה? איז וויאזוי רעכנט מען יענץ? מ'וואלט געקענט טראכטן אז דאס איז

נישט קיין צען טפחים, ווייל ס'בייגט זיך דאך, ס'איז נישטא קיין גאנצע הויכקייט פון צען טפחים. אבער מ'קוקט נישט אזוי, נאר **"אם יש באורך רגלי הכיפה עשרה טפחים"**, אפילו ס'גייט רונדיג, און ס'איז נישטא קיין... ס'שטייט נישט בגובה עשרה טפחים, איז דאס א צורת הפתח.

#### דיסקוסיע: די שיעור פון עשרה טפחים ביי א כיפה

**Speaker 2:** אבער ס'מוז זיין צען טפחים פון ביידע זייטן. ס'איז יא דא צען טפחים, נאר נישט זיכער... איך ווייס נישט צו איך פרעג גוט, ס'קען זיין וויניגער ווי צען טפחים איז עס א כשר'ע קורה?

**Speaker 1:** מ'דארף קענען אריינוואקן אין דער פתח. אויב ס'איז ממש צען טפחים אין די גאנצע רונדיגקייט, איז דאך עס א פיצי טיר.

**Speaker 2:** רייט, אבער פון די ביידע זייטן, סוף כל סוף ווערט עס רונדיג, דארף שוין זיין צען טפחים, אדער... איך ווייס נישט פונקטליך. איך ווייס נישט צו איך פרעג גוט, מוז זיין צען טפחים גראד?

**Speaker 1:** **"ומקודם שמתחיל הפתח לעגל"**, אזוי זאגט ער.

**Speaker 2:** רייט, אבער ס'שטייט נישט אין רמב"ם געהעריג. איך ווייס נישט.

### צורת הפתח שעשאה מן הצד

**Speaker 1:** דא איז דא עפעס אן אינטערעסאנטע יסוד פון א כלל, וויאזוי מ'קען נישט מאכן די צורת הפתח.

**Speaker 2:** יא, **"צורת הפתח שעשאה מן הצד, אינה כלום"**. אינטערעסאנט.

**Speaker 1:** רייט, די צורת הפתח וואס מ'רעדט דארף זיין אינמיטן פון א וואנט. א געווענליכע טיר מאכט מען אינמיטן פון די וואנט, און מ'מאכט די צורת הפתח. **"וכן אם עשאה באויר באמצע"**, ס'איז אן אינטערעסאנטע זאך. ס'דארף זיין עפעס א שטיקל וואנט, אבער ס'איז נישט דא קיין לחי, סאו מ'מוז לייגן עפעס א ברייטערע זאך, און מ'וויל מאכן דארט א צורת הפתח. די הלכה און די מפרשים פרעגן די קשיא, און באמת האסטו אנדערע שיטות וואס האלטן נישט די הלכה, זיי האבן אנדערע פשטים אין די "מן הצד".

**Speaker 2:** אקעי.

#### דיסקוסיע: צורת הפתח און מחיצות

**Speaker 2:** לאמיר גיין ווייטער פון וואס מ'מאכט א מחיצה. אויב איך האב נישט פארשטאנען, א פולע צורת הפתח איז גענוג צוויי מחיצות, צוויי זייטן?

**Speaker 1:** ניין, דאס איז... ניין, פארוואס? ניין, צורת הפתח איז אזוי. נאר א מבוי דארף נאר אויף איין זייט א לחי. איך דארף בכלל נישט קיין צורת הפתח. אבער אנדערע פלעצער וואס דארף זיין נאר א לחי, אבער צורת הפתח איז אויף ביידע זייטן, אזוי מיין איך.

**Speaker 2:** אקעי.

### בכל עושין מחיצה - מאטעריאלן פאר מחיצות

**Speaker 1:** לאמיר גיין ווייטער פון וואס מ'קען מאכן די מחיצה, יא? **"בכל עושין מחיצה"**, מ'קען מיט סיי וואס קען מען מאכן א מחיצה. מ'האט שוין גערעדט וועגן די סייז, יעצט רעדט מען פון די מאטריאל פון די מחיצה. **"בין בכלים, בין באוכלים"**, מ'קען נוצן עסן. **"בין באדם"**, מ'קען נעמען א מענטש און בינדן און לייגן דארטן. **"אפילו בבהמה חיה ועוף"**. **אבער "והוא שיהיו כפותין"**, אויב ס'איז אן אדם אדער א בהמה דארף מען זיי צובינדן **"כדי שלא ינודו"**, ווייל אויב זיי רוקן זיך איז אזוי ווי "אחד עומד ואחד יושב", מ'קען נישט.

ס'איז נישט קלאר אז א מענטש דארף מען כופת זיין, א בהמה דארף מען. א מענטש קען זיך איינהאלטן.

**Speaker 2:** יא, א בהמה וועט אוועקלויפן. א מענטש... שטעל אים אוועק דארטן ערב שבת, קום צוריק מוצאי שבת צו זען אויב ער שטייט נאך.

**Speaker 1:** ניין, ער דארף נישט שטיין א גאנצע שבת. ער דארף פאר א פאר מינוט שטיין, מ'וועט זען דעם ענין שפעטער.

**Speaker 2:** יא, מ'וועט זען. קוק אין די נעקסטע הלכה וועט מען רעדן וועגן דעם.

**Speaker 1:** אבער ס'איז דא, יא, אויב מ'דארף טראגן עפעס און מ'וויל מאכן א מחיצה, קען מען נישט שטעלן מענטשן און זיי זאלן זיין די מחיצה. ס'דארף נישט זיין מיט דעת, מ'וועט שוין זען.

### מחיצה העומדת מאליה ומחיצה הנעשית בשבת

**Speaker 1:** **"מחיצה העומדת מאליה הרי זו כשרה"**. ס'דארף נישט זיין "מאליה", ס'דארף נישט זיין געבויט. ס'איז דא א מחיצה, מ'קען עס נישט רעכענען פאר א מחיצה. און **"מחיצה שנעשית בשבת"**, אויב מ'מאכט א מחיצה אין שבת, אויך איז גוט.

**Speaker 2:** אבער מ'מעג?

**Speaker 1:** מ'מעג נישט, מ'איז בונה. **"ואם נעשית בשוגג, מותר לטלטל בה עד מוצאי שבת"**. **"והוא שלא תעשה על דעת המטלטל"**, מ'טאר עס נישט טון על דעת המטלטל. אויב ס'איז דא א מטלטל, פאנישן מיר אים אזוי ווי "כדי שיעשה", דאס איז די ווארט?

#### דיסקוסיע: מחיצה שנעשית על דעת המטלטל

**Speaker 1:** ער רעדט יעצט, לאמיר נישט פארקריכן, פון א מחיצה וואס מ'טאר נישט מאכן. און לאמיר זאגן נישט דעם וועג, יא, א מענטש שטייט. א מענטש.

**Speaker 2:** רייט.

**Speaker 1:** דו ווילסט נישט מאכן לדעת על הטלטול.

**Speaker 2:** רייט.

**Speaker 1:** האב איך מכוון לדעת על הטלטול? האב איך מכוון אז דאס איז א מחיצה וואס איז אסור בשבת על הטלטול? אפילו דאס איז בשוגג, אפילו איך האב מזיד, אפילו איך בין נישט מכוון, איז עס אסור לטלטל בה. דאס הייסט, אויב א צווייטער האט בשוגג געמאכט א מחיצה, מעגסטו נוצן די מחיצה פאר שבת. א לאנגע צייט האט ער עס געמאכט פאר דיר, אפילו בשוגג, ער האט נישט געוואוסט אז ס'איז שבת, ער האט געמיינט אז ער מאכט דאך א מחיצה סתם לכבוד דעם, איך ווייס נישט וואס, און נאך אלץ, וויבאלד ער האט דיר אין זין געהאט, ווערט עס אסור. דאס איז עפעס אזא סארט קנס.

**Speaker 2:** אבער, אדער במזיד, ער האט נישט דיר געמיינט, יא?

**Speaker 1:** אבער אויב האט ער בשוגג געמאכט פאר א צווייטע מינוט, פאר א צווייטע מענטש, דעמאלטס מעגסטו נוצן די מחיצה שבת.

**Speaker 2:** רייט, גוט.

### מחיצה מאדם בשבת

**Speaker 1:** וויאזוי מאכט מען פון מענטשן, **מותר לעשות מחיצה מאדם בשבת, שיעמיד זה בצד זה, ובלבד שלא יודיע לאלו העומדים שבשביל לעשות מחיצה העמידן**. מ'זאגט זיי, שטייטס דא, אבער מ'טאר זיי נישט זאגן אז זיי שטייען דארטן פאר צו מאכן א מחיצה.

#### דיסקוסיע: פארוואס טאר מען נישט זאגן?

**Speaker 2:** פארוואס די אווערנעסס, ווען מ'טראכט אז ס'איז א מחיצה טויגט עס נישט?

**Speaker 1:** ס'זעט אויס אז ס'איז א סארט בונה, אז ער ברענגט דא אפשר א חשש בונה, אז מ'טאר נישט מאכן בשבת. ס'איז נישט קיין ממש בונה, ס'איז עפעס אזוי ווי א... אויב זיי ווייסן, זיי וועלן זיך פילן אזוי ווי זיי מאכן עפעס א בונה בשבת, אדער ס'איז עפעס אן ענליכקייט צו בונה. מ'זאגט זיי, שטייטס דא, דער רבי האט געזאגט רעדט נישט קשיות, און ביז דערוויל טראגט מען אן שוין.

**Speaker 1:** **ולא יעמיד אותו אדם שרוצה להשתמש במחיצה זו,** נישט דער זעלבער מענטש, דער מענטש וואס האט זיי אוועקגעשטעלט.

**Speaker 2:** ניין, אפילו, דאס הייסט, מ'דארף אויסלייגן דעם מענטש, מ'טאר אים נישט זאגן אז זיי מאכן א מחיצה. אפילו דער זאל נישט יענער מענטש מאכן, דער וואס דארף די מחיצה, **אלא יעמיד אותן אחר שלא לדעתו.** דאס הייסט, מ'שיקט א שליח, ער זאל זאגן פאר די מענטשן צו שטיין דארט, און זיי נישט זאגן פארוואס. שטימט?

**Speaker 1:** רייט. סאו אויב פלוצלינג איינער רופט אים און ער זאגט אים ערב שבת, שטעל דיך אוועק דא פאר א מינוט, זאל ער וויסן אז מ'נוצט אים יעצט פאר א מחיצה. ער זאל נישט וויסן, ווייל דעמאלטס גייט ווערן אסור. זאג נישט אויס. אינטערעסאנט.

**Speaker 2:** יא.

#### דיסקוסיע: די הסבר פון די דינים

**Speaker 2:** וואס איז די הסבר פון די זאכן? פארוואס זאל מען נישט זאגן? וואס איז די זאך אז די וווארנעסס מאכט עס קאליע?

**Speaker 1:** ווייל ס'ווערט אזוי ווי א סארט בונה כלי. אויב זיי וועלן ברענגען זיי דא, ס'איז מיר פאני. נאר אויב זיי וויסן נישט, כ'מיין, א מענטש איז א מחיצה, סתם ער וויסט נישט, איך וועל אים ניצן, אבער איך טו אים נישט אוועקשטעלן מיט תורת מחיצה בפנים. און אויך דער מענטש וואס דארף די מחיצה איז נישט ער זאל זיין דער וואס שטעלט זיי.

**Speaker 2:** רייט, ס'איז אויך מער ענליך צו בונה, ווייל ער איז דא ביזי מאכן מחיצות.

**Speaker 1:** דאס איז סייעתא. ס'איז נישט קלאר.

**Speaker 2:** אקעי, נאך א הלכה.

#### אילן שמתיישר על הארץ

**Speaker 1:** א בוים, אילן, א בוים וואס בייגט זיך איבער אויף די ערד, **אילן שמתיישר על הארץ,** איז אזוי, **אם אינו גבוה מן הארץ שלושה טפחים,** אויב די בלעטער, די זאך פון די בוים, איז נישט העכער פון די ערד דריי טפחים, איז **ממלא בין בדיו עלה תבן וקש,** קען ער אריינלייגן נאך שטיקלעך האלץ צווישן די צווייגן אז ס'זאל יא ריטשן ביז די פלאר. **וקושרו ומהדקו,** און ער דארף עס צובינדן די תבן וקש, **עד שיהא עומד ברוח מצויה ולא יתנדנד,** מיר האבן גערעדט אז די מחיצה דארף זיין סטעבל, ס'זאל קענען שטיין ברוח מצויה, **ומטלטלין תחתיו,** און מיט דעם ווערט עס א מחיצה.

#### דיסקוסיע: פארוואס דארף ער ממלא זיין?

**Speaker 2:** רייט. פארוואס דארף ער בכלל די ספעיס וואס איז דא מער ווי דריי טפחים צווישן די בלעטער?

**Speaker 1:** רייט, רייט, ווייל די בלעטער זענען נישט גענוג נאנט צו די קרקע לבוד, אז ס'זאל זיין יא... די קרקע יא, אבער זיי זענען נישט נאנט איינס צו די אנדערע, ווייל ס'איז דא דריי טפחים, אינו גבוה מן הארץ שלושה טפחים.

**Speaker 2:** רייט. אויב ס'איז העכער, קען ער אויך אפשר ממלא זיין, אבער איך ווייס נישט. ס'איז נישט קלאר. אה, וואס פעלט עס אויס?

**Speaker 1:** ניין, ער זאגט אם אינו גבוה מן הארץ שלושה טפחים, ממילא דארף ער צולייגן.

**Speaker 2:** ניין, פארקערט, אויב ס'איז נישט גבוה שלושה טפחים, דארף ער דאך לבוד. אויב ער לייגט צו אין די זייט, סתם אזוי, ווייל ס'זאל נישט... אה, ער דארף צולייגן ברענגען אז ס'זאל נישט ארומ'דזשאמפן', דאס איז סייעתא.

**Speaker 1:** דאס איז די ווארט, ווייל דאס קען זיך ארומרוקן.

**Speaker 2:** ניין, די ארומרוקן איז די פראבלעם. בעצם די בוים איז גוט, די פראבלעם איז אז ס'קען זיך ארומרוקן, ממילא דארף ער עס צוזאמפרעסן.

**Speaker 1:** אבער פארוואס דארף ער זיין ממלא בין בדיו?

**Speaker 2:** ווייל דאס מאכט אז ס'זאל זיך נישט ארומרוקן.

**Speaker 1:** ניין, די קושרו ומהדקו מאכט אז ס'זאל זיך נישט ארומרוקן. איך ווייס, איך ווייס נישט. סאו, דאס איז סייעתא, אבער ער זאגט נישט די שלושה טפחים. ס'איז נישט אז ער מאכט א... ער מאכט א... איך ווייס נישט. פארשטייסטו? ס'הייסט אז בעצם איז עס גוט, נאר די מעלה איז, אזוי ברענגען זיי פון פירוש המשניות, די מעלה איז אויך כדי ס'זאל נישט ארומגיין דזשאמפן, נישט קלאר.

#### די שיעור פון בית סאתים

**Speaker 1:** אבער **והוא שתהיה תחתיו עד בית סאתים,** נאר אויב ס'איז ביז בית סאתים. אויב ס'איז גרעסער פון בית סאתים, אזוויי פריער האט מען געלערנט, דאס העלפט נישט. ביז בית סאתים, אמת, **תחתיו ד' אמות, ובלבד שתהיה תחתיו**

### פרק ט"ז: סיכום — מקום שלא הוקף לדירה ומחיצה

#### הלכה ב (המשך) — מחיצה העליונה וגובה

**Speaker 1:** סאו על כל פנים בעצם איז עס גוט, נאר די למעלה איז, אזוי ברענגען זיי פון פירוש המשניות, אז די למעלה איז אויך כדי שלא ירבו ג'מפ'ן. נישט קלאר.

אבער **והוא שתהא תחתיו בית סאתים,** נאר אויב ס'איז ביז בית סאתים, אויב ס'איז גרעסער פון בית סאתים, אזוויי פריער האבן מיר געלערנט, ס'העלפט נישט.

אזוי אויך א מחיצה, א מקום שלא הוקף לדירה, ס'איז דאך גובה נישט גרעסער ווי א רגל המחיצה, ס'וועט מאכן בעסער.

**Speaker 2:** יא, אבער דאס איז פשוט לגמרי.

**Speaker 1:** יא.

---

### סיכום פון פרק ט"ז

**Speaker 1:** אקעי, עד כאן פרק ט"ז. וואס מיר האבן געלערנט אין דעם פרק ב' הלכות:

#### הלכה א — מקום שלא הוקף לדירה

איין הלכה איז, א מחיצה, א מקום שלא הוקף לדירה וואס איז גרעסער ווי בית סאתים, טאר מען נישט טראגן ד' אמות שבת, א גזירה מדרבנן.

#### הלכה ב — פרטים פון מחיצה

די צווייטע הלכה איז, וואס הייסט א מחיצה? יעדער איינער פארשטייט מער ווייניגער וואס הייסט א מחיצה, נאר כמה פרטים וועגן מחיצה:

- וואס איז אויב ס'איז פרוץ מרובה על העומד
- וואס איז אויב ס'איז דא א פתח אין דעם
- וכו'